STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04491

URIEL AKOSTA

John Paley

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוריאל אקאסטא

פון

יאָהאַן פּאַלייא
(בן אמתי)

דרוק און פערלאג פון

היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
632-34 בראַדוויי, ניו יארק.

Hebrew Publishing Co.
632-34 Broadway, New York
1929.

אוריאל אקאסטא.

א ראמאן אויס דער אידישער געשיכטע

פערפאסט פון

יאהאן פאליא.

(בן אמתי)

1.

אין קיין אָרט האבען אידען געלעבט אזוי גליקליך און אזוי פרייא וויא זייא האבען געלעבט אין האלאנד נאך דעם גירוש שפאניען. האלאנד איז געווען א צווייטע ארץ ישראל. איבער דיא אידישע הייזער אין האלאנד האט געשוועבט דער פריעדען און דאס גליק פון פאמיליען לעבען. דיא אידישע רבנים האבען גע־האט דיא מאכט צו הערשען אין זייערע קהילות נאך אלע דינים פון דער אידישער רעליגיאָן. דיא האלענדישע רעגירונג האט זיך ניט נעמישט אין דיא אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון יודענטהום, און דיא בעפעלקערונג האט ניט געשטערט דעם איינגעוואנדערטען פאָלק אין זייערע רעליגיעזע מנהגים.

אין דיעזער גליקליכער צייט, אין דער ערסטער העלפט פון 17טען יאהר הונדערט, האט אין אמסטערדאם געלעבט א רייכע אידישע פאמיליע מיט דעם נאָמען אקאָסטא. דיא פאמיליע האט געוואָהנט אין איינע פון דיא שעהנסטע היי־זער, וואס וואר פעפוצט נאך דעם שעהנסטען און רייכסטען געשמאק. א־ריענטאלי־שער לוקסוס און האלענדישע ווירטהשאפט האבען זיך פעראייניגט אין דיעזען הויז. טערקישע דיוואנען, פערזישע גארדינען, כינעזישע געשיר און האלענדישע מעבעל

האבען אָנגעפיללט אלע צימערען פון דיעזען הויז. איבער דיעזען רייכטהום און דיעזען פרעכטיגען לוקסוס האט געשוועבט דער פריעדען, דער שלום און די ליעבע, וואס זיינען די מתנה פון אידישע פאמיליען. אה, דיעזען פריעדען, און דיעזע ליעבע קענען אנדערע פעלקער ניט קויפען פאר געלד, און ניט ערווערבען מיט בילדונג. זייא זיינען א געשאנק פון גאט צו זיין פאלק, און נור דער וואס האט זיך געפונען אין א אידישע פאמיליע קען וויסען וויא זיא צו שעצען.

אסתר, דיא מוטער פון דער פאמיליע, וועלכע מיר בעשרייבען איז געזעסען אין א ווייכען שטוהל, בייא דעם גרויסען טיש, ארום וועלכען איהרע דריי זיהן האבען געארבייט. איהרע אויגען זיינען ארומגעגאנגען פון איינעם צום צווייטען. זיא האט געקוקט אויף איהר בכור אליעזר וועלכער האט געשריעבען בריעף, זיא האט בעטראכט איהר צווייטען זוהן יואל, וועלכער האט אויסגעגלייכט דיא ביכער און זי האט געגלעט איהר איינגסטען קינד, ראובן, וועלכער האט געזונגען יהודה הלוי׳ס א ליעד. אָבער קוקענדיג אויף דיעזע שעהנע קינדער מיט וועלכע יעדע מוטער קען זיין גליקליך, האט זיך ארויסגעריסען א זיפץ פון דער מוטערס הארץ, און איהרע קינדער האבען פערשטאנען וואס דיעזער זיפץ בעדייטעט. דיא עלטערע זיהן האבען ניט געוואגט אויפצורייסען איהר וואונד, אבער ראובן האט זיך געווענדעט צו זיין מוטער און האט געפרעגט:

— מאמא, וועט אוריאל הייטע אויך ניט קומען?

— איך ווייס ניט מיין קינד! — האט דיא מוטער געענטפערט און טרעהרען האבען זיך בעוויעזען אין איהרע אויגען. אוריאל ווייכט פון אונז ווייל ער ווייכט פון גאט. אך, וויפיעל האב איך געהאפט אויף דיעזען אוריאל. ער האט גענאסען דיא בעסטע ערציהונג, וואס א מענש קען געניסען. זיינע פעהיגקייטען ווארען צו בעוואונדערן. ער האט געהאט דעם מוטה צו ברענגען אונז צוריק צו אונזער פאלק און אונזער גאט, פון וועלכען דיא אינקוויזיציאָן האט אונז אוועק געריסען. יעצט ווער איז מיר, יעצט, איז ער דער ערגסטער אָפּצופאלען פון יודענטהום. ער ליעבט ניט מעהר דיא אידען, ער ווייכט אוים זיין מוטער, ער אנטלויפט פון זיינע בריעדער. ער וואנדערט ארום אין פעלדער און וועלדער, און טראכט פון זאכען וואס זיינען איין שאנדע פאר גאט און פאר לייט.

— מיין מוטער, דוא דארפסט ניט אורטהיילען אזוי שלעכט אונזער אוריאל. — האט יואל זיך אָפּגערופען. — איך ווייס אז ער ליעבט אונז וויא א ברודער, און אז ער גלויבט אין גאט. ער איז נור א געלעהרטער מענש און ער איז א בעל חלום. ער דענקט אז ער קען גליקליך מאכען דיא וועלט און ער זוכט רפואות צו

אלע וואונדען. ער קומט ניט אין אונזער הויז, וויל מיר זיינען איינפאך, צופיעל פערטהאן אין געשעפט זאכען, אין געלד זאכען, וועהרענד ער שוועבט אין דיא וואלקען און זוכט דעם שליסעל צו זיינע אידעען.

— ווען דאס וואלט געווען וויא דוא זאגסט! — האט דיא מוטער אויסגעררפען.— אבער ליידער וויס איך, אז דיא רבנים דיינקען וועגען איהם גאנץ אנדערש. דער רב הכולל בן עקיבא האט מיר הייטע דערצעהלט, אז מיין זוהן, האט פערפאסט א בוך, וועלכער לעסטערט דיא תורה. מען האט דיעזען בוך געגעבען צו א למדן ער זאל איהם דורכקוקען, און אויב דער למדן וועט ערקלעהרען אז דער בוך שטימט ניט מיט דעם גאנצען יודענטהום, דאן וועט פאלען א חרם איבער אונזער הויז.

— דאס וועט ניט געשעהען! — האט אליעזר אויסגערופען. — א חרם וועט אונז אלעמען פערניכטען. אוריאל האט אונז ליעב ער וועט דאס געוויס ניט ערלויבען.

— אוריאל האט אונז מעהר ניט ליעב! — האט אסתר געקלאגט. יהודית וואנדערשטראטען האט איהם פון אונז גערויבט. זיין גאנצע הערץ געהערט צו איהר. דיעזע יהודית איז א זעלטענע מיידעל. זיא האט ליעב אזעלכע אויפרעגענדע זאכען; צוליעב איהר וועט מיין קינד נעהמען א חרם אויף זיין קאפף. אך וויא קען איך דאס פערמיידען, וויא קען איך דאס פערמיידען!

פלוצלונג איז דיא מוטער געבליעבען שטיל, וויל דיא טהיר האט זיך געעפענט און אוריאל איז אונערווארטעט און ניט געמאלדען ערשיענען אויף דעם שוועל.

א קוק טהאנדיג אויף דיא געשטאלט פון דיעזען אוריאל האט יעדע מוטערהערץ געמעגט קוועלען. אוריאל וואר זעלטען שעהן. ער וואר הויך, ער וואר קרעפטיג און זיין גאנצער קערפער האט אויסגעזעהן וויא א מארמאר סטאטוע פון א גרויסען קינסטלער. אלע זיינע גליעדער וואָרען וויא פון א פורעם. זיין מיענע וואר זעהר ערנסט און זיין בליק וואר פערטראכט. ארום זיין דונקעלע געזיכט איז געווען א קליינע שווארצע בארד, וועלכע האט איהם געגעבען דעם אנזעהן פון איין אלטען גריכישען פילאזאף. ער האט געטראגען א ברייטען, לאנגען מאנטעל ארום זיין קערפער, און לאנגע שווארצע זאקען מיט האלב זיידענע שיך אויף זיינע שעהנע פיס. זיין גאנצע ערשיינונג איז געווען פון א העלד און א טיעפען דענקער.

אוריאל איז געבליעבען שטעהן אויף דעם שוועל פון זיין הויז און האט בעטראכט יעדען בעזונדער. איהם איז געווארען אויפגאלענד וואס אלע זיינען אזו

שטיל, וואס אלע שווייגען, און קוקען אין פערשיעדענע ווינקלעך. ער האט פערשטאנען, אז מען האט דא גערעדט וועגען איהם און איהם האט לייד געטהאָן צו פערשאפען זייא דיעזע שמערצען. ער איז דארום אוועק איז א ווינקעל, האט אראָפגענומען זיין מאנטעל, און האט זיך געזעצט שטיל און פערטראכט.

דיא שטילקייט האט געהערשט א היבשע ווײלע. אוריאל׳ס הארץ איז באלד צוריסען געוואָרען, זעהענדיג וויא זיין פאמיליע ליידעט. ער האט זייא אלעמען געליעבט. ער האט זייא אלעמען געוואָלט געזעהן גליקליך. אום צו ענדיגען דיעזע ביטערע שטילקייט האט ער זיך אויפגעהויבען און האט געזאָגט:

— מיינע טהייערע. איך זעה וויא איהר ליידעט צוליעב מיר. איך פערשאף אייך שמערצען. מיין שטרייט מיט דיא רבנים פון דער קהלה, מיינע נייע געדאנקען, מיינע אידעען פערשאפען אייך וועהטאגען. אך, איהר ווייסט ניט וויא איך לייד פון דעם. איך וואלט עס ניט וועלען טהאָן. איך וואלט וועלען לעבען אין פריעדען מיט דער גאנצער וועלט. איך וואלט וועלען וואָהנען מיט אייך מיינע טהייערע. איך ווייס, אז עס גיעבט קיין גרעסערער גליק וויא זיצען אין דער מוטערס הויז, צוזאמען מיט אזעלכע ברידער וויא איהר זייט. איך וואלט וועלען לעבען אין פריעדען מיט דיא רבנים און מיט אלע אידען. אבער וואס זאל איך טהאָן, ווען מיין גייסט גיט מיר קיין רוהע. איך ווייס אז איך אליין בין שולדיג אין מיין אונגליק. מיט מיינע אייגענע הענד רייס איך וואונדען אויף מיין נשמה. איך מאטער מיך און פלאג מיך אומזיסט. איך זעה פעהלערן אין דיא אלטע לעהרען און איך וויל זייא פערבעסערן, איך וויל שאפען מיין אייגענע לעהרע, איין אייגענע אידעע וואס זאל מיך בערוהיגען. אבער דיא אלטע געביידען האב איך אומגעוואָרפען און קיין נייע קען איך ניט אויפבויען.

„איך פרעג מיך אליין, וואס וועט זיין דער סוף דערפון? וויא לאנג וועל איך לעבען אין ספק? וויא לאנג, וועל איך זיין פערשטויסען און אבגעזונדערט? איז ניט בעסער איך זאל קומען צו אייך, מיינע טהייערע, און לעבען וויא איהר לעבט? אבער איך קען דאס ניט אויספיהרען. מיין גייסט שלעפט מיך אויף דעם וועג אויף וועלכען איך געפין זיך.

„איך האב געוואָלט אלעס פערענטפערן און שליסען שלום מיט דיא רבנים און האב צוליעב דעם אויפגעשריעבען א בוך אין וועלכען איך האב ערקלערט מיינע אידעען. אבער אנשטאט צו ברענגען דעם שלום האב איך ארויסגערופען דעם שטורם-ווינד. איך הער אז דיא רבנים זיינען אויפגערעגט נעגען מיין ספר, און זייא ווילען מיך „מחרים“ זיין. איהר דארפט מיר ניט ערצעהלען וואס א חרם בעדייטעט

פאר אייך און פאר אייערע קינדער, און דארום האב איך בעשלאָסען צו פארהיטען אייך פון דיעזען אונגליק. איך בין געקומען נעהמען אבשיעד פון מיין מוטער און מיינע ברידער. איך פאָהר אוועק פון אמסטערדאם. איך פאָהר אין דער וויטער פרעמדער וועלט, וואו איך וועל זיין אליין מיט מיינע אידעען. ווען איך וועל ליידען, וועל איך אליין ליידען. איך וויל אייך בעפרייען פון אייער פערבלאָנדזשעטען ברודער".

— מיין זוהן! — האט דיא מוטער אויסגערופען און איז געפאלען אויף אוריאל'ס האלז. — מיין זוהן, דוא ווייסט, אז דוא ביזט געוועז דער משיח און דער ענגעל וואס האט אונז ארויסגענומען פון קריסטענטהום, און דוא האָסט אונז ערקלערט, אז א מענש קען נור דאן האבען פריעדען אין זיין הארצען, ווען ער קעהרט זיך אום צום יודענטהום. ווארום זאָלסטו אונז יעצט פערלאָזען? ווארום זאלסטו נים אויפגעבען אלע דיינע געדאנקען? פערגעס אלעס, פערטרינק אלעס. דיינע ברידער וועלען דיך אריינעהמען אין געשעפט, אין דער רעש און דער טומעל פון דער וועלט וועט אויסהיילען דיין וואונד.

— אָה מוטער, טהייערע מוטער! האט אוריאל געענטפערט און האט נעד קוסט דיא אלטע פרוי. איך וואָלט אבגעשניטען א האנד אום מיין הארץ זאל זיך קענען בערוהיגען. אבער עס טרייבט מיך, עס יאָגט מיך. נים ווילענדיג רייד איך ארויס א וואָרט, נים ווילענדיג פרעג איך א פראַגע. איך זוך דעם סוד פון זעליג־קייט פאר אלע מענשען און געפין א גהנום. איך וויל דארום פערדרייען, פיליייכט וועל איך צוריק קומען איין אנדער מענש.

— דאן פאָהר מיט גאָט! — האט דיא מוטער געענטפערט און האט איהם געקוסט אין האלז — פאָהר אהין, וואו דיין הארץ וועט דיר בערוהיגען, און דיין נשמה וועט זיך אויסלייטערן. געדענק אוריאל, אז איין אלטע מוטער, איין אלמנה, וואַרט אויף דיר אין אמסטעראם, און אז דיעזע מוטער וועט נים פערגעסען איהר זוהן, איהר שעהנעם, איהר געלעהרטען זוהן. איידער איך שליס מיינע אויגען, איידער איך געה צו דיין פאטער וויל איך הערען, אז אוריאל איז שלום מיט זיין גאָט און מיט זיין פאָלק.

— אָמן! האבען דיא פיר זיהן אויסגערופען און א היילינע פאמיליען ליעבע האט זיך צונאָסען אין זאאל. אלע האבען געקוסט דעם ברודער וואס פאָהרט זוכען רוהע פיר זיין הערץ, און לאזען דיא פאמילע אין פריעדען. אלע האבען איהם געד וואונשען גליק און א שנעלען וויעדער זעהן.

2.

באלד וויא אוריאל אקאסטא האט זיך אבגעזעגענט מיט זיין פאמיליע האט ער זיך געזעצט אויף זיין פערד און איז געריטען דורך דיא גאסען פון אמסטערדאם ביז ער איז געקומען צו א פרעכטיגן פאלאסט אין דער אידישער גאס.

אין דיעזען פאלאסט האט געוואהנט א גרויסער אידישער געלעהרטער און א בעריהמטער ארצט מיט דעם נאמען דע סילווא.

וועהרענד אוריאל האט צוגעבונדען זיין פערד און האט געהייסען א דיענער מען זאל איהם מעלדען צום דאקטאר, איז דע סילווא געזעסען אין זיין ביבליאטהעק און האט זיך אונטערהאלטען מיט א יונגען מאן, וועלכען ער האט גערופען בן יוחאי.

וויא פערשיעדען ווארען דיא צוויי מענשען! דע סילווא א מאן פון זעכציג יאהר, מיט טיעפע בלויע אויגען, מיט א הויכען שטערן, און א לאנגע ווייסע בארד ארום זיין ריינע, עדעלע געזיכט, האט אויסגעזעהן וויא א נביא, וויא א מאן פון גייסט און ליעבע. בילדונג און מענשען פריינדשאפט איז געלעגען אויף יעדען אבר פון דיעזען אלטען דאקטאר. אנדערש האט אבער אויסגעזעהן בן יוחאי, וועלכער וואר א יונגערמאן פון פינף און צוואנציג יאהר, פון קליינעם געוואוקס, מיט סערע, שפיציגע אויגען, מיט א פערבויגענעם נאז, און א שיטערע, שמאלע בערדעל ארום זיין געלבע מאגערע געזיכט. דיא רייכע קליידער וואס בן יחאי האט געטראגען, דיא בריליאנטען, דיא גאלדענע קייט און דיא קורצע סאמעטענע הייזען האבען בע־וויעזען, אז דיעזער בן יוחאי געהערט צי דיא רייכע האנדעלס מענשען פון דער אמסטערדאמער בערזע.

— איהר זייט געוועזן בייא מנשה וואנדערשטראטען, ניט וואהר?— האט דע סילווא געפרעגט דעם יונגען געשעפטסמאן.

— יא — האט בן יוחאי געענטפערט. איך וואר דארט דריי טעג, און מנשה האט מיר געוויעזען זיין גאנצע גאסט-פריינדשאפט.

— און יהודית, אייער כלה, וועלכע איז צו אייך פערלאבט געווארען, ווען זיא איז נאך געלעגען אין וויעגעלע? זיא איז דאך דיא שעהנסטע פון אלע אמ־סטערדאמער פרויען. איך מעג זיא פאר אייך לויבען, ווייל זיא איז אייער כלה און מיין ניכטע. איהר מוטער וואר מיין שוועסטער. וויא האט יהודית אויפגענומען איהר חתן?

— וועגען דעם בין איך צו אייך געקומען — האט בן יחאי געענטפערט. — מנשה האט מיך אויפגענומען וויא זיין זוהן, און ער האט מיר פערזיכערט, אז יהודית ליעבט מיך. ער האט מיך גענומען אונטערן ארם און האט מיך געפיהרט דורך זיין גארטען, וועלכע איז רייך מיט דיא טהייערסטע פלאנצונגען, מיט דיא קונציגע פאנטאנען און שעהנע מארמארנע סטאטוען. מנשה האט ניט אויפגע־הערט צו דערצעהלען דעם ווערט פון אלע אנטיקען אין זיין גארטען, אבער מיינע אויגען ווארען ניט אויף דיא קונסט זאכען, ווייל בעסערע און שעהנערע האב איך געזעהען אין דיא דריי יאהר וואס איך בין געוועזען אויף רייזען. איך האב דארט גע־זוכט מיין יהודית.

„ענדליך האב איך זיא דערזעהען אין גארטען, אבער זי וואר ניט אליין. נעבען איהר איז געזעסען א יונגערמאן מיט א גרויסען שטיק פארמעט אין דיא הענד און ער לעזט פון דארט עטוואס פאר מיין כלה. יהודית האט אויף איהם געקוקט וויא אויף א גאט און האט זיך צוגעהערט צו זיין שטימע, גלייך וויא זיא וואלט קומען פון הימעל. זיא איז געווארען איבערראשט ווען זיא האט מיך דערזעהן, און זיא האט מיר געגרייכט א קאלטע האנד, און א טרוקענעם בליק. איך האב איהר געפרעגט ווער איז דיזער פרעמדער, און זיא האט איהם פארגעשטעלט אלס לעהרער, און מיך אלס איהר חתן. דער פרעמדער איז געווארען בלאס און דער פארמעט איז ארויסגעפאלען פון זיין האנד. איך האב דאס אלעס געזעהן, און איך זאג אייך, דע סילווא, אז יעדע סטאטוע אין גארטען האט געקענט ערצעהלען, אז יהודית איז מיר געווארען פאלש.“

— איך בין איבערראשט פון דיזע ערצעהלונג! האט דע סילווא אויסגע־רופען — אבער איך קען דאך ניט גלויבען יעדען ווארט. איך קען דעם לעהרער, ער הייסט אוריאל אקאסטא. ער איז א יונגער פילאזאף, וואס האט ערשט געענדיגט א סטודיום אלס יוריסט. ער ווערט גערעכענט אין אמסטערדאם אלס פעהיגער מענש, אבער ניט אלס דענקער. איך שעטץ דיא שעהנע שפראכע אין וועלכער ער שרייבט, אבער ניט וואס ער שרייבט. ער שרייבט דיא שעהנסטע מליצה אין פארמונעזיש, זיין פעדער פלייצט מיט פרישען טהוי אויף יונגע בלומען, אבער זיין הערץ האט קיין געפיהל פאר אידישקייט. ער האלט זיך ביי׳ם אידישען פאלק, אבער ער נעהמט ניט אין דער אידישער שוהל. ער איז א האלבער איד און א האל־בער קריסט, און זיין גייסט שוועבט אין לופטען. ער האט קיין פעסטען באדען פאר זיין גלויבען. ער לעבט אין ספק און האט קיין אמונה. דורך א צופאל איז ער גע־ווארען יהודית׳ס לעהרער, אבער איך פערזיכער אייך, אז יהודית איז אין איהם ניט

פערליעבט. זיא איז בלויז בעגייסטערט מיט זיינע געדאנקען. איהר וועט זיא היי־ראטהען, און זיא וועט דאן ווערען אייערע אין גאנצען.

— דאס איז פאר מיר אונמעגליך! — האט בן יחאי אויסגערופען. — איך וויל נים הייראטהען דיא מיידעל וואס האט פערטהייכט איהר הארץ אין צווייען און גיט מיר נאר א העלפט פון איהר ליעבע. איהר זייט מנשה'ס שוואגער. געהט צו איהם דע סילווא, פעררופט דיא גאנצע פאמיליע און פיהרט אהין אריין דעם שעהנעם אוריאל אקאסטא אלס מנשה'ס איידעם. איך זעה, אז אוריאל געפעהלט אייך בעסער.

— וואס רעדט איהר בן יחאי! — האט דע סילווא אויסגערופען. אוריאל אקאסטא איז מיין פריינד. איך ווינש קיין פריינד קיין בייזעס אבער איך וועל איהם דאך נים העלפען שמיעדען זיין גליק. צוריק מיט איינינע טעג איז ערשיענען א בוך פון דיעזען אוריאל, אין וועלכען ער לייקענט אפ, וואס איך האב געשריבען אין א פריהערינען בוך. ער איז אמאל געוועזן מיין תלמיד, יעצט איז ער מיין גענ־נער. דיעזער בוך האט איהם אפגעזונדערט פון אידען, פון גאטט, און אויך פון מיר.

— דאן דארפען מיר געהן האנד אין האנד! — האט בן יחאי אויסגערופען מיט פרייד. — איך ליעב דיא שעהנע יהודית, אבער איך שעהם מיך צו קומען צו איהר וויא א בעטלער, און ווינען נאך איהר ליעבע. דע סילווא, זייט איהר מיין פערטרעטער. געהט צו יהודית, רעדט וועגען מיר, און געווינט זיא פאר איהר חתן.

— דאס טהוא איך פאר אייך, איך בין מיט אייך! — האט דע סילווא געענטפערט.

וועהרענד דער געלעהרטער און דער געשעפטס־מאן האבען זיך געריי־בט דיא הענד, איז אריינגעקומען א דינער און האט געמעלדעט אוריאל אקאסטא.

דיא ערשיינונג פון דיעזען מאנן אין דיעזען מאמענט האט געטראפען וויא א בליטץ פירביידע העררען. אקאסטא איז געבליעבען שטעהן אויף דעם שוועל, און האט געווארט ביז מען וועט איהם הייסען אריינגעהן. דע סילווא איז א ווײלע גע־וועזן איבערראשט און צומישט, אבער באלד האט ער צוגעמאכט זיין בוך, האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאטץ, און האט געזאגט:

— קומט איהר צו מיר אלס צו א דאקטאר דאן זייט מיר ווילקאמען, אקאסטא, א דאקטאר קען נים פערשליסען זיין טהיר אפילו פיר זיין פיינד.

— אייער פיינד? — האט אקאסטא געפרעגט מיט איבערראשונג. — איך

ווייס ניט וואָס דאס זאָל בעדייטען.— איך קום צו מיין לעהרער. איידער איך פאהר אוועק וויל איך פון איהם נעהמען אבשיעד, און וויל איהם לאָזען מיין הערצליבען וואונש. הער, דע סילוואַ, נעהמט מיין האַנד!

— וואָס? — האָט דע סילוואַ אויסגערופען און האָט צוריק געוויעזען אקאָסטאס האַנד.— איך זאָל נעהמען דיא האַנד וואס האָט ערסט פערניכטעט אלעס וואָס איך האב פערפאַסט! איהר אוריאל, איהר זייט אמאָל געווען מיין תלמיד און בייא מיר האָט איהר געלעהרענט וויא צו דענקען און וויא צו פאָרשען. דערפאר זייט איהר ארויס מיט א בוך, אין וועלכען איהר בעקעמפפט אייער אייגענעם לעהרער!

— איך בין גאנץ איבערראשט! — האט אקאסטא געענטפערט.— קען מען דען לערנען וויא צו דענקען? איך האב פּרובירט אונטער זוכען אונזער אמונה מיט דיא ליכט פון מיין שכל. אויב איך האָב געשריעבען קלוג איז דאָס מיין חכמה, אויב איך האָב געשריעבען נאררעש, איז דאָס מיין דומהייט. איהר הערט דע סילוואַ, עס איז מיינע.

— ווען איך וואלט געהאט אייערע געדאנקען, וואָלט איך איבערגעגאנגען צום קריסטענטהום! — האָט דע סילוואַ געענטפערט.— אונזערע עדעלסטע און בעסטע מענער זיינען אויפגערעגט פון אייער בוך. איך זאָג אייך אקאסטא, אז מיר אידען האבען דאס רעכט צו פאָדערען פון אונזערע לייטע זייא זאָלען רעספעקטירען אונזער גלויבען. גראָדע יעצט ווען מיר זיינען אנטלאפען פון דעם פייער פון דער אינקוויזיציאָן, ווען מיר קענען צום ערסטען מאָל דיענען אונזער גאט אונגעשטערט, זאָלען מיר גראָדע יעצט בענוצען דיא פרישע פרייהייט צו צערשטערען וואָס מיר האבען אזוי לאנג געהאלטען, וואָס מיר האָבען ניט אויפגעגעבען אין אלע רדיפות, וואס מיר האבען גערעכענט פאר דעם אייזערנעם אנקער וואָס האלט אויף אונזער שיף אין דיא שטורעמדיגע אָקעאנען? איך זאָג אייך אקאסטא אז מיר טאָהרען עס ניט טהאָן. ווען מיין נאררעשער שכל זאָגט מיר זאָנאר, אז דאס איז „צופוילט און טויט", דארפען מיר עס דאָך ניט אוועק ווארפען, מיר דארפען זיך האַלטען מיט דיעזען טהייערען טעות, פונקט וויא מיר דארפען ניט ארויסטרייבען איין אלטען דינער, וועלכער איז אונז געווען געטריי אין זיין יוגענד, און האט אונז געהאלפען אין אונזער נויטה.

— וואָס מיר געפעהלט בייא אייך, דע סילוואַ, איז אייער הארץ! — האט אוריאל געענטפערט מיט א פריינדליכען שמייכעל.— איך זעה אז איהר קענט שנעל ליעבען און אויך שנעל האסען. איהר האָט מיין בוך וואהרשיינליך וועניג געלעזען,

וֹאנסט וואָלט איהר פֿון מיר נאר אנדערש געדאכט. אום איהר זאָלט מיין בוך בעסער פֿערשטעהן אום איהר זאָלט מיך אנדערש אורטהיילען מוז איך אייך ער־צעהלען מיין ביאָגראפֿיע. איך דיינק הייטע אבצופֿאהרען, איך ווייס ניט אויב מיר וועלען זיך נאָך א מאָל זעהן, און דארום וויל איך אייך לאָזען מיין סוד.

— אייער ביאָגראפֿיע איז וויכטיג, וועןמען וויל איבער אייך אורטהיילען. ערצעהלט, און איך וועל עס הערען.— האט דע סילווא געזאָגט און האָט זיך גע־זעצט נעבען בן יוחאי, וועלכער האָט אויך אנגעשטעלט זיינע אויערען הערען וואס אקאסטא וועט ערצעהלען.

— איך בין געבאָרען געוואָרען א קריסט!— האט אקאסטא אנגעפֿאנגען זיין ערצעהלונג.— מיין פֿאטער האט געביטען זיין גלויבען נאך איידער איך בין געקומען אויף דער וועלט. איך ווייס ניט וואס איהם האָט דאצו געטריעבען, דיא אינקוויזי־ציאָן, אָדער פֿערשפּרעכונגען פֿון פֿאָרטוגעזישען האף. ער איז געווען א גרויסער איינגעהער בייא דעם הערשער פֿון פֿארטוגאל, וועלכער האט איהם געמאכט פֿאר א ריטער. ער האט אנגעלעבט פֿיעל רייכטהום און איז געווען א גרויסע פֿער־זאָן אין גאַנץ פֿאָרטוגאל. מיך האָט מיין פֿאָטער אויסגעוועהלט צו בעווייזען אז ער איז א גוטער און א פֿרומער קריסט. ער האט מיך אריינגעגעבען אין קלויסטער און איך האָב שטודירט דיא לעהרען פֿון קריסטענטהום. איך בין געווען זעהר פֿלייסיג, זעהר פֿרום און זעהר ערנסט, און צו צוויי און צוואנציג יאהר האב איך געהאט אזא גוטען נאמען צווישען קריסטען, דאס מען האט מיך ערוועהלט פֿאר דעם שאטצמייסטער פֿון דער גרעסטער קירכע פֿון פֿארטוגאל. איך האב ניט געוואוסט אז איך שטאם פֿון אידען, און האָב זיך מיט אידישע לעהרען ניט אינטערעסירט.

אין א געוויסען טאג האב איך אנגעטראפֿען מייגעם א פֿריינד, דעם געלעהרטען דאם דיעגא, אויף דעם מארק פֿון ליזדאן און איך האב זיך אמוזירט צו זעהען וויא דער געלעהרטער קויפֿט חריין. איך האב דעם שפּאַס ערצעהלט אין דער קירכע, און אין עטליכע טעג ארום האב איך געהערט, אז דאם דיעגא, וועלכען איך האָב געהאלטען פֿאר א פֿרומען קריסט, איז ארעטירט אלס געהיימער איד. איך האב מיך דאן ערינערט אז דיא אינקוויזיציאָן האט עטליכע און דרייסיג סמנים מיט וועלכע זיא כאפּט דיא געהיימע אידען, און איינער פֿון דיעזע סמנים, איז עסען חריין אין דער וואך וואס פֿאלט אויס פּסח. מיין געוויסען האט מיך גע־פּלאגט. וואס איך האב פֿערראטהען מיין בעסטען פֿריינד, און ווען דאם דיעגא איז פֿעראורטהיילט געווארען פֿון דער אינקוויזיציאָן, און איז פֿערברענט געווארען אויף דעם מארק פֿון ליזדאן, אין דער געגענווארט פֿון טויזענדע מענשען האט זיין

געשרייא „שמע ישראל" ערוועקט אין מיר דיא געפיהלען, וועלכע האבען מיך שפע־טער אומגעקעהרט צו מיין פאָלק. איך האב גענומען טראכטען אויב א אמת'ע רעליגיאָן דארף אָנקומען צו אזעלכע מיטלען, וויא ברענען איהרע געגנער אין פייער און איך האב אויפגעהערט צו שטודירען דעם קריסטענטהום וויא א בלינדער גלייבינער. איך האב אנגעפאנגען קריטיקירען און פארשען, און איך בין באלד געקו־מען צו דער איבערצייגונג אז קריסטוס האט קיין מאל ניט געוואָלט פערניכטען די אידישע רעליגיאָן אום צו געבען איין איינענע. איך האב מיך איבערצייגט, אז דער ברית חדשה איז ניט געשריבען געוואָרען אום צו געבען א נייען גלויבען. איך האב גענומען פאָרשען דיא היסטאָריע דיא וויסענשאפט און בין ענדליך געקומען צום בעשלוס אז דער אמת'ער גלויבען איז דער אידישער. קריסטענטהום איז נור א גע־פעלטער יודענטהום. איך האב בעשלאָסען צו ווערען א איד, און איך האב עס פערטרויט מיין מוטער, וועלכע האָט מיר אויסגעזאגט דעם סוד, אז איך שטאם פון דער אידישער פאָלק. איך האב מיין פאמיליע איבערצייגט, אז מענשען קענען ניט זיין גליקליך מיט געלד. דער אמת איז דעם מענשענס גליק מיינע רייד האבען געווירקט און מיר האבען זיך אלע אומגעקעהרט צום יודענטהום. אזוי וויא מיר האבען ניט געקענט האפען צו לעבען אלס אידען אין דעם לאנד פון דער אינקוויזי־ציאָן, האבען מיר פערלאָזען פארטוגאל. האבען אויפגעגעבען אונזערע טיטולען און און בעקאנשאפט און מיר זיינען געקומען צו אייך אין אמסטערדאם, וואו מען האט אונז אויפגענומען מיט אָפענע הענד.

דע סילווא און בן יחאי האבען זיך ווייטער צו געהערט און אקאסטא האט ווייטער ערצעהלט:

— היער אין אמסטערדאם האבען מיינע ברידער פאָרטגעזעצט זייערע גע־שעפטען און איך מיין שטודירען אין מיין דיינקען. איך האב געוואלט קענען דעם יודענטהום אזוי גרינדליך און אזוי גענוי, וויא יעדער גרויסער אידישער געלעהרטער. אבער נאָכדעם וויא איך האב זיך געוואָהנט צו קריטיקירען, פארשען און זוכען אלעס צו פערשטעהן און בעגרייפען מיט מיין איינענעם שכל, האב איך ניט גע־קענט אננעהמען געוויסע לעהרען אין יודענטהום וועלכע זיינען געווען געגען מיין פער־שטאנד. איך האָב גענומען פרענען פראגען, און האב געשריעבען עטליכע ערקלעה־רונגען אבער מיין הארץ איז אלעס געבליעבען גאנץ פיר דאס יודענטהום און פאר דעם אידישען פאָלק. איך האב קיין עיקר פון דער תורה אנגעריהרט. וויא איבער־ראשט בין איך אבער געוואָרען, אז דיא זעלבע מענשען, וואס זיינען אנטלאפען פון דעם פאנאטישען קריסטענטהום זיינען אליין געבליעבען פאנאטיקער. די וואס זיינען

אוועק פון דער אינקוויזיציאָן האבען געמאכט איין קליינע אינקוויזיציאָן פאר די וואס שטימען נים מיט זייא. מען פערפאַלגט מיך אלס אפיקורוס און מען רעדט וועגען א חרם. אך, איך פאנג יעצט אָן צו צווייפלען, אויב איך בין אויף דעם גלייכען וועג! איך האב געוואָלט בעשליסען צו שווייגען, און לאָזען דיא וועלט געהן איהר וועג, אבער מיין הערץ קען נים פערטראגען א פאלשקייט, און איך מוז אימער ארויס מיט מיינע מיינונגען, געגען דיא רבנים. דיא רבנים האבען מיך אבער נים געוואלט פערשטעהן, זייא זיינען אריין אין מיין וואהנונג, האבען פון דארט גערויבט מיינע פאפירען און האבען בערופען איין אסיפה אום מיך צו אורטהיילען. דיעזער שטרייט ערגערט מיין פאמיליע וועלכע איז בייא מיר טהייער. איך זעה נים איין דיא נוטצען פון א קאמפף מיט הארט־הערציגע מענשען, וואס גלויבען וויא מיין לעהרער, דע סילוואַ, אז מיר דארפען האלטען טהייער זאגאר איין נאררישקייט, ווען זיא איז נור אלט און איינגעווארצעלט, און דארום האב איך בעשלאָסען צו פערלאָזען האלאנד, און געהן נאך היידעלבערג, וואו איך וועל לעבען אין פריעדען מיט דיא בלומען און מיט דיא בוימער. לעבט מיר וואהל, דע סילוואַ! איך בין געקומען נעהמען אבשיעד פון אייערע ווייסע האאר.

— און יהודית, זיא לאזט אייך געהן ? — האט דע סילוואַ געפרעגט.

— ווארום פרעגט איהר וועגען דעם ? — האט אקאסטא געפרעגט מיט איבערראשונג.

— ווייל זיא איז דאך אייער שילערין. זיא גלייבט דאך אין אייערע לעהרען.

— יהודית וועט יעצט געהן אין דער שוהלע פון לעבען. היער זיצט איהר צוקינפטיגער מאנן, איך מיין בן יחאי. ער איז דער גליקליכסטער פון אללע מענער. און אבוואהל, איך האב איהם בלויז איין מאל געזעהען, אין מנשה'ס גארטען, דאך ערלויב איך מיר צו געבען איהם מיין מיינונג איבער דעם שאטץ, וועלכען ער וועט בעזיצען. יהודית איז דיא טהייערסטע פון אלעם וואס גאט האט בעשאפען. זיא איז אראפ פון הימעל זיא האט אין זיך קיין זאך פון דער ערד. זיא איז איין אוצר וואס גאט האט אייך געשאנקען, זיא איז איין ענגעל, וואס גאט האט געהייסען ער זאָל זיך פערשטעלען פאר א מענש. בעריהרט נים אייער יהודית מיט דיא הענד וואס האלטען גאלד. בן יחאי איהר מוזט צו איהר צוטרעטען וויא צו א גאטט. אבער אה, איך האב מיך פערגעדט. לאזט מיך געהן לעבט וואהל!

דע סילוואַ און בן יחאי האבען אנגעקוקט דעם יונגען מאן וועלכער האט אזוי פיעל גערעדט, מיט אזוי פיעל בעגייסטערונג. זיין ערצעהלונג וועגען זיין

ביאגראפיע אין זיין בעגייסטערונג וועגען יהודית האט אויף זייא ביידען אזוי גע־ווירקט דאס זייא זיינען געבליעבען זיטצען וויא בערווישט און האבען זאגאר ניט געענטפערט, ווען אוריאל האט זיך פערנייגט צום לעצטען מאל און איז ארויס פון הויז, מיט א פלאמענדע געזיכט און מיט א רווישענדע הארץ, וויא איינער וואס ווערט געיאגט פון א געהיימען גייסט.

ערסט נאכדעם וויא אוריאל איז שוין געזעסען אויף זיין פערד און האט איהם געטריבען דורך די נאסען האט זיך דע סילווא אויפגעהויבען פון זיין פלאטץ און איז דורכגעגאנגען עטליכע מאל זיין צימער, און האט נאכדעם געזאגט צו בן יחאי.

— נון גראטולירע איך אייך, מיין פריינד! אוריאל איז אוועק, און דאס מאכט אויך לייכטער מיין הארץ. דיא רבנים פון אמסטערדאם האבען מיר געגע־בען זיין בוך איך זאל אויף איהם שרייבען מיין מיינונג. איך האב פיינד צו שרייבען דעם אורטהייל געגען מיין תלמיד, איך האב פיינד צו פערשאפען א מענשען יסורים אבער איך קען אויך ניט שרייבען א ליעגען. איך וואלט געווען געצוואונגען צו גע־בען מיין שארפען אורטהייל יעצט אבער ווען אוריאל איז אוועק, פאלט אלעס אפ. איך וועל זיין פרייא צו שרייבען דעם אמת, און איהם וועט עס ניט שאדען.

— אויך איך האב ניט צו בעדויערן, זיין רייזע! האט בן יחאי, געענטפערט.

— ער האט אפגעטראטען מיין וועג פיעל שנעלער וויא איך האב געדאכט. יעצט איז יהודית פאר מיר פריי, נאר איהר דע סילווא, איהר מוזט דארט פאר מיר ריידען. אלזא מיר טרעפען זיך בייא מנשה וואנדערשטראטען.

— יא. צום ווידער זעהן.

דער געלעהרטער דע סילווא האט געררייכט זיין האנד צום רייכען געשעפטס מאן, און בן יתאי איז ארויס פון הויז מיט טריאומף!

3.

דיא זאננע האט שוין געמאכט א האלבע רייזע אויף דעם הימעל, און איז געשטאנען מיט איהרע שטראהלען איבער דעם גוט וואס האט געהערט צו מנשה וואנדערשטאטען.

מנשה וואנדערשטאטען וואר דער רייכסטער פון אלע אידען אין אמסטער־דאם. ער איז געווען א קויפמאן וואס האט געשפיעלט א גרויסע ראלע אויף דער בערזע און וואר בעריהמט אונטער אידען, וויא אויך אונטער קריסטען פאר זיין ליעבע צו קונסט און צו שעהנהייט. ער וואר א ליעבעראלער מענש. ער האט גע־

גלייבט אין פרייע גערענקען און האט געשעצט דיא מענער פון וויסענשאפט, דיא פהילאזאפען, וואס האבען געוואגט אנצוריהרען דיא אלטע לעהרען און דיא אלטע אידעען. דאך איז ער געווען געשעפטס מאן זאנאר אין זיינע אידעען. ער האט גע־גלייבט אז א מענש דארף לעבען אין פריעדען מיט דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער געפינט זיך. ער האט דארום געזוכט צו געפעלען דיא רבנים, פונקט אזוי וויא ער האט געמאכט קאמפלימענטען דיא פריי דענקער.

מנשה'ס הויז איז געווען געבויט נאך דעם שעהנסטען און רייכסטען סטייל. אין הויז האבען זיך געפונען דיא גרעסטע און דיא פרעכטיגסטע סאלאנען, וועלבע ווארען פערצירט וויא אין א פירסטליכען פאלאסט. דארט האבען זיך געפונען דיא טהייערסטע קונסט ווערק פון נאלד און זילבער. דארט האבען זיך געפונען דיא בעסטע אייל בילדער און דיא טהייערסטע ספרים און ביכער, וואס האבען א גרוי־סען פרייז, ווייל זייא זיינען זעלטען אין דער וועלט. ארום דיעזען פאלאסט האט זיך געפונען א פארק, וואס ווער בעקאנט אין גאנץ האלאנד צוליעב זיינע קונציגע וואסער קוואלען, צוליעב דיא בוימער און דיא פריכטע, וואס זיינען אימפארטירט געווארען פון פרעמדע און ווייטערע לענדער און זיינען פערפלאנצט געווארען, אין האלאנדס ערד. אלערלייא קונציגע בריקען, אלעען און בערגלאך האבען זיך געפו־נען אין דיעזען קליינעם גן עדן, וועלכער ווער פול מיט מארמארנע און קופערנע סטאטוען פון דיא גרעסטע פהילאזאפען, דיכטער און גענעראלען אין דער וועלט. צווישען דיעזע סטאטוען האט מען געקענט אנטרעפען דיא גרעסטע פרייא דענקער און דיא גרעסטע רעליגיעזע פרעדיגער. קיינער האט ניט געפעהלט אין מנשה וואנדערשטראטען'ס פערמעגען

צו דיעזען שעהנעם גארטען האט זיך בעגעבען אונזער אוריאל אקאסטאי נאכדעם וויא ער האט פערלאזען דע סילוואַ'ס הויז.

אוריאל האט געוואוסט וואו־צו זוכען זיין שילערין יהודית, דען איהר, און נור איהר איז דער פערוואגעלטער נעפאהרען זעהן. ער האט זיא געטראפען אונטער דיא אפעלסין־בוימער אין איהר פאטערס גארטען. דארט איז זיא געזעסען וויא דיא קעניגין פון אלע בלומען. אוריאל האט זיא דערזעהן פון ווייטען און זיא האט צו איהם ארייננעשיינט אונטער די בליהונגען וויא א בריליאנט אונטער א שנור פערל. איהרע דונקעלע לאקען זיינען אראבגעהאנגען פון איהר מאיעסטעטישען שטערן און האבען געמאכט וויא א שלייער איבער איהר אלבאסטערנעם נאקען, וועלכער ווער פיעל שעהנער, פיעל רייצענדער וויא דיא בילדער דיא גריכישע געטין — דער שעהנהייט. איהרע שווארצע אידישע אויגען, איהרע ראזע באקען און איהרע צוויי

רעהען ווייסע ציין וואס האבען אויסגעזעהען וויא פערעל אין א קרוין האבען איהם געשמייכעלט ענטגעגען, און האסטיג וויא א בעטרונקענער, וויא א צומישטער איז אוריאל צוגעלאפען צום ארט וואו דיעזע קעניגין דער שעהנהייט איז געזעסען און ער האט איהר געריבט זיין האנד.

און יהודית, דיא שעהנע, דיא הימלישע יהודית! זיא האט א קוק געטהאן אויף איהר פהילאזאפישען לעהרער און האט איהם אפגעמאסטען פון קאפ ביז דיא פיס. איהר בליק איז דורכגעלאפען דיא רינגעלעך פון זיינע געגרייזעלטע לאקען, זיא האט איבערגעצעהלט דיא קנייטשען אין זיין הויכען שטערן, זיא האט אפגע־מאסטען דיא לענג פון זיין בארד, זיא האט זיך צו געקוקט צו זיין גאלדענע קייט וועלכע איז געהאנגען קרום, צו דיא שווארצע זיידענע זאקען, וועלכע ווארען דיעזען מאל ניט אזוי פעסט אנגעצויגען אויף דיא פיס, און זאגאר דיא בענדלעך פון זיינע שיך זיינען ניט אויסענגעבליבען פון איהרע שארפע אויגען. זיא האט אנגענומען זיין האנד, און האט איהם א ציה געטהאן צו זיך אונטער דיא בוימער, און אוריאל איז געבליעבען זיצען בייא איהרע פיס.

דער לעהרער און דיא שילערין האבען זיך געליעבט, זעהר טיעף און זעהר הייס האבען זייא זיך געליעבט אוןביידע האבען געפיהלט און געוואוסט וויא גרויס זייער ליעבע איז איינער צו דיא אנדערע.

אין דיעזען מאמענט אין דער געגענווארט פון זיין שילערין איז אוריאל גע־ווארען גליקליך. ער האט פערגעסען אלעס. ער האט פערגעסען זיין שטרייט מיט דער וועלט, זיין בעשלוס צו פעררייזען, ער האט פערגעסען אז ער איז געקומען נעהמען אבשיעד. ער האט ניי אויפגעלעבט אין יהודית, געגענווארט און ער האט זיך אריינגעלאזען אין וויטצען און אין אלערלייא לוסטיגע געשפרעכען מיט דער לוסטיגער, גליקליכער און שעהנער יהודית.

אך ווארום גיבט קיין פעדער וואס קען שילדערן דעם פערגעניגען פון צווייא געליעבטע ווען זייא זיצען אליין, אין א פאעטישען גארטען ארומגערינגעלט מיט שטומע בילדער, און שטילע בערג, וועלכע קענען ניט שטערען זייערע געדאנקען און קענען ניט הערען זייערע ערקלעהרונגען. ווער קען שילדערן דעם גליק פון דעם פער־פאלגטען אוריאל אין דיעזען ארט! ווער קען בעשרייבען דעם ענטציקען פון דער שעהנע יהודית אין דיעזען מאמענט ביידע ווארען זיי יעצט אין הימעל און ביידע האבען ניט ווילענדיג און ניט וויסענדיג ארומגענומען איינע די אנדערע און האבען אויסגעדריקט זייער גליק און זייער ליעבע אין א לאנגען זיסען קוס.

צווייא מלאכים האבען זיך צוקוקט! צווייא כרובים האבען צוגעדריקט דיא

ליפען און האבען איינע דיא אנדערע אנגעטרונקען מיט דיא ריינסטע מיט דיא היילינסטע, און מיט דיא שעהנסטע ליעבע אין דער וועלט!

ענדליך האבען זיךביידע אויפגעכאפט וויא פון א טרוים און אוריאל האט זיך עראינערט וואו ער געפינט זיך און וואס איהם ערווארטעט.

— וואס איז מיט אייך, אקאסטא, ווארום שפרינגט איהר אזוי האסטיג אויף? — האט יהודית געפרעגט ווען זיא האט געפיהלט. אז איהר הארץ הויבט זיך פון ארט.

— איך מוז באלד פארט! איך מוז באלד פארט! — האט אוריאל געענט־פערט וויא צו מישט.

— ווארום פליהט איהר? גרויסער גאט. וואס איז מיט אייך אוריאל? וואס האב איך געמוזט הערען וועגען אייך? זיצט און ערצעהלט. — האט יהודית געבע־טען און האט זיך אויפגעשטעלט.

— איהר מיינט וועגען מיין שטרייט מיט דיא רבנים?

— וואס קימערן מיך די רבנים! — האט יהודית אויסגערופען, — ניין אקאסטא איך האב געהערט אז איהר ווילט אנטלויפען. איהר ווילט זיין אזוי גרויזאם און פערשווינדען.

— דאס מוז איך טהאן! — האט אוריאל געענטפערט. — איך האב אנגע־טראפען בן יחאי, ער איז אין אמסטערדאם. ער קומט אהער פאדערען זיין פער־לאבטע. איהר מוזט ווערען בן יחאי׳ס ווייב ווארום זאלען מיר אויפרייסען אלטע וואונדען. איך וויל אוועק, און וויל אייך לאזען צו אייער בעשערטען.

— אה אוריאל, איך מוז אייך האסען, ווען איהר רעדט אזוי געלאסען, און אזוי שלעכט. — האט יהודית אויסגעשריען און האט זיך געווארפען אויף זיין האלז.

— וואס נוצט מיין שטורמען! — האט אוריאל געענטפערט פהילאזאפיש. — איהר ווייסט יהודית אז בייא אונז אידען הערשט דער פאמיליען לעבען. דער פא־טער בעפעהלט און זיין קינד פאלגט. די קייט וואס זעהט אנפאנגס אויס פון אייזען ווערט שפעטער פון ראזען. אה איך קען דיא וועלט.

— ניין אקאסטא דאס קענט איהר זאגען ווען איהר וועט זיין אין איין אנ־דער לאנד, אבער ניט דא, אין דיעזען גארטען, וואו איהר האט אין מיר אנגע־צונדען דאס ליכט פון לעבען. האט איהר פערגעסען יענע שעהנע, שטילעביידעל, וואו איהר האט מיר ערצעהלט פון גרויסע מלחמות און גרויסע שטרייטינקייטען פון דער וועלט געשיכטע? אה אוריאל איהר האט מיר געוויזען וויא דיא נאטור פאלגט דעם גייסט. איהר האט מיר געוויזען וויא אין מעטאל, און אין גראז ליעגען

בעהאלטען וואונדערבארע קרעפטען, נון, און בייא אונז, בייא מיר און בייא אייך זאלען דיעזע קרעפטען שטארבען? זאלען מיר קיין כח האָבען צו קעמפפען און זאָלען מיר קיין מיטעל געפינען צו אונזער וויטאג? ניין אוריאל, איהר האט פאר מיינע אויגען אויפגעבויט א לייטער, וואס פיהרט צום הימעל, איך בין אויף איהם ארויף אום צו שוועבען אין דער הויך, ווילט איהר יעצט ארויסנעהמען דעם לייטער פון אונטער מיינע פיס, ניין איך קען מעהר נים אראָפ פון אויבען, איך קען מיך נים פערבינדען מיט דיא ניעדעריגע קליינע מענשען.

— וואס מיר האבען איינע מיט דיא אנדערע גערעדט, און וויא מיר האבען איינע דיא אנדערע געליעבט, דאס שטעהט פערשריבען מיט טרעהרען אויף אלע ראזען און אלע בלעטער פון דיעזען גארטען. אבער יהודית, עס קען מעהר נים געהן. פיעלייכט ווען מיר וואלטען נים שטודירט, ווען מיר וואלטען נים גערעדט פון שטערן און פון געטער, פיעלייכט וואלט איך געהאנדעלט וויא יעדער איינפאַכער מענש, וואס טהוט נאר וואָס זיין הארץ, נים זיין שכל הייסט איהם טהאָן. איך וואלט דיך גענומען ביים האנד, וואלט דיר געוויעזען דיא צווייא וועגען, און וואלט אויסגעשריען: געליעבטע, דוא מוזט אויסקלייבען דעם וועג, מיך אָדער דעם טויט! אבער מיר האבען געלערנט צו דענקען, צו בערעכענען און צו בעהערשען אונזערע געפיהלען און דארום דארף איך עס נים טהאָן. ווייסט דוא וואס מיך ערווארטעט? דער חרם שוועבט איבער מיין קאפף. איך וועל פערטריבען און פעראכטעט ווערען דוא יהודית דארפסט ניעמאלס ליעבען דעם פערשאלטענעם. איך אליין האלט דיעזען חרם פאר איין עהרע, דאך קען איך קיינעם נים געבען א טהייל פון דיעזען כבוד.

— דאס גלויב איך נים אקאסטא! — האט יהודית אויסגעשריען.— א פאלק וועט נים פערטרייבען זיין בעסטען און זיין עדעלסטען מאן.

— און דאך וועט עס געשעהען, יהודית, עס וועט געשעהען, און דארום בין איך געקומען געהמען פון דיר אבשיעד. לעבע וואהל, איין קוס צום לעצטען מאל.

ער האט גענומען, יהודית, האנד און האט זיא א ציה געטאָן צו זיך אום זיא צו קוסען, אבער איידער ער האט זיא ארומגענומען האט ער דערזעהן אין גארטען א גאנצע קאמפאניע, צווישען וועלכע ער האט ערקענט בן יחאי, דע סיכוואַ, מנשה וואנדערשטאטען און נאך פיעלע פראמינענטע אידען פון אמסטערדאם.

וויא אוריאל האט דיעזע אלע מענשען דערזעהען איז ער געבליעבען וויא געלייטט. ער האט זיין געליעבטע געלאזט שטעהן ווייט פון זיך און האט געמורמעלט.

— הא, איך זעה דארט בן יחאי און נעסט?! מיר זיינען נאר נים אליין! וואס זאל עס בעדייטען!

— זייא זיינען נעקומען פייערען מיין פערלאָבונג מיט בן יחאי. — האט יהודית נעענטפערט מיט א נעלעכטער.

— און דוא ווילסט מיר נאך פערהאלטען! — האט אוריאל אויסנערופען. — דוא ווילסט איך זאל זעהען מיט מיינע אויגען, וויא א שווין טהוט אָן א גאָלדענע קרוין.

איידער ער האט געענדיגט דעם לעצטען ווארט איז דיא קאמפאניע נעסט נעשטאנען גענען איהם.

— אהה — האט בן יחאי נעזאגט און האט זיך פערנייגט מיט א שמייכעל נעגען אוריאל. — דער לעהרער איז נאך אלץ דאָ? איך האב געמיינט אז איהר זייט שוין אין היידעלבערג און איהר לעהרענט דיא פייגעלעך וויא צו דענקען און פהילא־זאָפירען.

— דאס קען אוריאל נים פערזאמען. היער אין אמסטערדאם, קען ער נעפפֿער נען א פאָפוגייא, וואס מעג פון איהם עטוואס לעהרנען! — האט יהודית זיך אָפּ־נערופען, און האט גענומען אוריאל׳ס ארם און האט איהם אוועקגעפיהרט מיט גע־וואלד פון דעם אָרט.

מנשה איז נעווארען רויט פון דיעזער סצענע. זיין טאכטער האט בעליידיגט איהם און זיין צוקונפטיגען איידעם, און ער האט נים נעוואוסט, וואס ער זאָלל טהאָן.

— איך האב פערבאָטען דיעזען מאן מיין הויז! — האט מנשה נעזאָגט, אלס ענטשולדיגונג גענען בן יחאי. איך וועל געהן בעפעהלען די דינער זייא זאָלען איהם ארויסטרייבען!

— בערוהיגט אייך! — האָט דע סילווא זיך אָפּגערופען. — געהט בעסער שוואגער צו אייך אין הויז און בעשיצט דעם נאסט אוריאל פון בעליידיגונג. דיא סנהדרין האט איהם נאך נים פעראורטהיילט.

— וואס איז דאס, דע סילווא?! — האט בן יחאי אויסנעשריען מיט אויפ־רעגונג. — האט איהר נעביטען אייער מיינונג? וויא איך האב נעהערט איידער איך בין אהער געקומען, האט איהר פערדאמט אקאסטאס בוך.

— פערדאמט? האב איך דען אין דער עפענטליכקייט ערצעהלט — אז אקאסטא׳ס בוך איז פערדאמט? — האט דע סילווא נעפרעגט.

— מען וויים, אז דיא רבנים האבען אייך נענעבען דעם בוך איהר זאלט

אויף איהם שרייבען אייער מיינונג, און איהר האט געזאגט: אוריאל אקאסטא איז קיין איד! — האט בן יחאי ערקלעהרט.

— ניין, בן יחאי איהר פערשטעהט מיך ניט! — האט דע סילווא געענט־פערט. — ווען איך בין געזעסען מיט אוריאל'ס בוך אין מיין צימער און האב גע־לעזען בלאט פיר בלאט בין איך אפט געריהרט געווארען פון זיין שעהנקייט און זיין שטארקייט. איך האב זאגאר דארט געפונען פיעלע זאכען, וואס זיינען געגען תלמוד און געגען דער תורה דאך האב איך מיר גערייגקט אז איך דארף דיעזען דענקער ניט איבערגעבען צו דיא רבנים. אבער אזוי וויא איך האב פערשפראכען צו געבען איין אונפארטהייאישע מיינונג האב איך אם ענדע בוך אויפגעשריבען דיא ווערטער: דער פערפאסער איז קיין איד! אקאסטא האט דאס רעכט צו רד־פען זיך קריסט ווען ער וויל, און אלס קריסט האבען מיר קיין רעכט איהם צו אורטהיילען. איהר בן יחאי, דארפט דאמיט זיין צופריעדען, ווייל אלס קריסט קע־נען איהם דיא רבנים ניט פערארורטהיילען אבער אלס קריסט קען ער אויך ניט פאדערן יהודיתי האנד. די רבנים זוכען אקאסטא, זייא ווען וואהרשיינליך אהער קומען. מיין עצה איז, דאס ווען דיא רבנים וועלען אויפטרעטען געגען דעם דענקער זאלט איהר ארויס בן יחאי, און אויסשרייען: אוריאל איז קיין איד! דערמיט שנייט איהר אפ יעדען בונד וואס ער האט צו יהודית.

ווערענד דע סילווא און בן יחאי האבען אזוי געשפראכען האט זיך אין גארטען אויפגעהויבען א גערויש און א טומעל. פון אלע טהירען אין הויז זיינען געלאפען געסט און דיענער, ווייל דער קלאנג האט זיך פערברייטעט, אז א מנין רבנים, שמשים און אנדערע קהל'שע דינער זיינען געקומען פערשילטען דעם פריי־דענקער אקאסטא וועלכער געפינט זיך יעצט אין ואנדערשטראטענס הויז.

און דער מנין מערקווירדיגע מענער איז ווירקליך ערשיענען אין גארטען. זייא ווארען אלע געקליידעט אין לאנגע שווארצע רעק, מיט ברייטע ארבעל און ברייטע גארטלען, יעדער האט געהאט א לאנגע באָרד און לאנגע פאות, און האט אויס־געזעהען א בילד פון דיא אלטמאָדישע ארטהאדאקסישע אידען.

אן דער שפיצע פון דיעזען מנין איז געווען רבי סאנטאס, דער בית דין שמש פון אמסטערדאם. ער האט געהאלטען א קליינע תורה אין זיין רעכטע האנד און א שופר אין דער לינקער. דיא איבעריגע אידען וואס האבען איהם בעגלייטעט האבען געהאלטען שווארצע ליכט, וועלכע האבען בעדייטעט, אז דער חרם וועט דא באלד אויסגעשפראכען ווערען.

אוריאל אקאסטא, וועלכער האט זיך געפונען מיט זיין יהודית אין דעם

גרויסען זאאל פון הויז האט דערהערט אז דיא רבנים זיינען געקומען אום איהם צו זעהען. מוטהיג וויא א העלד וואס נעהמט זיין פיינד ענטקעגען איז ער אריין אין גארטען אום צו זאגען די געשיקטע פון בית דין אז ער איז בערייט צו הערען זייער אורטהייל.

בלייך און פול מיט שרעק איז יהודית איהם נאכגעלאפען. די טרייע אידישע טאכטער האט ניט געוואלט לאזען איהר געליעבטען אליין אין קאמפף.

אלס מנשה וואנדערשטראטען האט דערזעהן דיא רבנים מיט דיא שווארצע ליכט, און געגען זייא דעם מאנן וועלכען זייא זוכען, האט ער געוואוסט וואס דא וועט זיך אפשפיעלען. ער איז צוגעלאפען צו רבי סאנטאס און האט איזהם געבעטען ער זאל בעהיטען זיין הויז פון דער שרעקליכער סצענע, פון דעם חרם וואס דער בית דין האט בעשלאסען אויסצושפרעכען איבער דעם אנגרייפער פון יודענטהום.

— דאס קענען מיר ניט! — האט סאנטאס אויסגערופען. — מיר זיינען געשיקט פון דעם היילינען בית דין פון אמסטערדאם, און מיר פאדערן אויף אלע וואס געהערען צו גאט זייא זאלען אפטרעטען אין איין זייט, און זאלען לאזען אקאסטא אליין. קיינער זאל ניט זיין אין זיינע פיער אייקען.

וויא א בעפעהל פון א קעניג אזוי האט געווירקט רבי סאנטאס אויפפאדערונג. אלע האבען זיך אפגערוקט פון אוריאל אקאסטא. נור יהודית איז געבליבען בייא איהם.

— און דוא יהודית, דיא טאכטער פון מנשה וואנדערשטראטען, ווילסט דוא ניט געהערען צו דער אידישער געמיינדע? פערלאז דיעזען זינדיגען, דיעזען פערשאלטענעם פון גאט און פון לייט. דער טויט איז אין זיינע פיער אייכען. — האט רבי סאנטאס געשריען.

יהודית האט זיך ניט גערירט פון ארט. אוריאל האט זיא צוגעדריקט צו זיך, וויא א פאטער זיין קינד, און מיט דעם מוטה און דעם שטאלץ פון א פארטונעזער האט ער זיך געווענדעט צום שמש:

— ווער זייט איהר? — האט ער אויסגעשריען, מיינט איהר אז איהר שטעהט אויף דעם בארג סיני? האט משה רבנו אייך געמאכט פאר זיין שליח? ווער האט אייך געגעבען דיא מאכט איבער מיר?

— ווער? — האט רבי סאנטאס געפרעגט. — דער בית דין פון אמסטער-

דאם וועלכער משפט אין גאט'ס נאמען. אויב איהר זייט א איד מוזט איהר פאל-גען דעם בעפעהל פון אונזערע רבנים.

אין דיעזען אויגענבליק איז בן יחאי ארויסגעשפרונגען פון א ווינקעל און האט אויסגעשריען:

— רבי סאנטאס וואס טהוט איהר? ווילט איהר אונז אלעמען אונגליקליך מאכען? אונזערע רבנים האבען אין אמסטערדאם יעדע מאכט נור איבער אידען, אבער איבער קריסטען האבען זייא קיין רעכט. אוריאל אקאסטא איז א קריסט!

— א קריסט! — האבען אלע אויסגעשריען.

— יא א קריסט איהר קענט איהם ניט מחרים זיין! — האט בן יחאי גע-ענטפערט.

— אח גאט! — האט זיך דערהערט יהודית' שטימע. — וואס איהר רעטעט פון חרם איז פאר מיר דער טויט!

— ווען אקאסטא איז א קריסט! — האט דער שמש געזאגט. — דאן בעט איך איהם מחילה. מיר האבען איבער איהם ניט צו זאגען ער געהערט ניט צו אונז.

וויא א געביסענער פון א שלאנג האט אקאסטא א שפרונג געטהאן אין דער הויך.

— ווער זאגט עס אקאסטא איז א קריסט! — האט ער געשריען.

— איך! — האט בן יחאי געענטפערט — איך האב אליין געהערט פון אייער מויל, אין דע סילוואס הויז אז אייער פאטער האט זיך געטויפט און איהר זייט גע-בארען געווארען א קריסט. נון, איהר האט קיין מאל עפענטליך ניט געוויזען אייער אידישקייט? ווען האט איהר זיך מגיר געוועזן? מיר בעטען אייך אלע ענטשול-דיגונג. מיר זיינען אייערע געהארכזאמע דינער. עס מאכט אונז עהרע צו האבען א קריסט צווישען אונז.

— איך. א קריסט! — האט אקאסטא אויסגעשריען מיט א דאננער-שטימע! אך וואס פאר א פרעבע בעליידיגונג, דיעזע ערקלעהרונג איז! קען איך דען זיין א קריסט ווען די אינקוויזיציאן האט אונז געטויפט? איך און מיין פאמיליע זיינען גע-זעסען אין פארטוגאל, דארט האבען מיר געהאט א היים, געלד גיטער און א פאטער לאנד. אבער מיר האבען אלעס אוועק געווארפען און זיינען געקומען אין אמסטערדאם אום אויסצורייניגען יעדען טראפען טויף וואסער פון אונזער בלוט. מיין מוטער, מיינע בריעדער און איך זיינען געווארען אידען. אידען מיט אלעס

וואס בינדט איין אידען צום צווייטען. איך זאג אייך היער אָפען און פרייא, אז איהר קענט מיך לייגען אין חרם! איך בין א איד!

— אויב דוא ביזט א איד אום אונז צו פערשפּאטען און קריטיקירען, דאן וואלט נעוועזען בעסער פאר אונז דאס דו זאלסט זיצען אין קלויסטער פון פּאָרטוגאל.

— האט סאנאטאס אויסגערופען.— דו בעקענסט אבער דיין אידישקייט און איך וועל דיך מחרים זיין, וויא דער בית דין האט בעפאהלען. יהודית מיר פאדערן דיר אויף צו פערלאזען דיזען מאן, איבער איהם רוהט דער חרם! אוריאל אקאסטא דוא ביזט א פעררעטהער צו גאט און צו אידען, דוא דיענסט דעם טייפעל, און דו האסט זיך אונטערנומען צו שטירצען אלע אידישע געביידען. גאט קען דיר ניט מוחל זיין דיא גרויסע זינד, און מיר זיינען נעקומען אויסצושפּרעכען דעם חרם: יעצט הערט מיך אוים אידען, און פערנעהם דוא אקאסטא: גאט'ס קללה רוהט איבער דיין קאפּף! דיא ערד זאל דיך ניט טראגען און דיא זוהן זאל דיך ניט וואַרעמען! דיא לופט זאל זיך פערוואנדלען אין גיפט פיר דיין אטהעם, און דיא וואסער וואס דוא טרינקסט זאל ווערען סם! דיין ברויט זאל פערוואנדעלט ווערען אין שטיינער, און דיינע קליידער זאלען צו פאלען אין שטויב. פערשאלטען זאל זיין דיא מוטער וואס האט דיך געבראכט אויף דער וועלט, א שטיין זאל ליגען אין דעם בויך וואס האט דיך געטראגען, און דיא בריסט וואס האבען דיך געזויגט זאלען דארען! דיינע בריעדער זאלען דיך אויסווייבען וויא דיא פעסט, און דיין אייגענע שוועסטער זאל דיר געבען א שטיין ווען דוא שטארבסט פון הונגער. דוא וועסט ווערען גראע אין דיינע יונגע יאהרען און דער מלאך המות וועט דיך מאַטערען איידער דוא וועסט שטארבען. אלע וואס וועלען דיר רייכען זייער האנד זאלען ווערען פערפלוכט און פערשאלטען. אויף דיר זאלען מקוים ווערען אלע קללות פון דער תורה. גאט זאל קיין מאל ניט הערען דיין געבעט, און דער הימעל זאל זיין פאר דיר געשלאסען. דוא ביזט אויסגעשטויסען און אויסגעשלאסען פון גאט און פון אידען. חרם! חרם! חרם!

און דיא שווארצע ליכט וועלכע האבען געברענט אין דיא הענד פון דיא רבנים האבען זיך פערלאשען און דיא שופרות האבען געגעבען א טרויעריגען, הערצרייסענדען סיגנאל.

אלע וואס האבען געהערט דיזען חרם האבען געשוידערט. אוריאל איז געשטאנען צוגעשפּארט צו א בוים, און האט ניט געזעהן וואס ארום איהם טהוט זיך. יעדער ווארט פון שמש, טויל האט געקלאפּט וויא א האמער אין זיין קאפּף. יהודית וועלכע האט אנפאנגס געהאלטען פעסט זיין ארם, האט איהם לאנגזאם

אפגעלאזען. איהר פאטער מנשה האט זיא געגומען ביי'ן האנד און האט זיא אפ־געשלעפט פון דעם פערשאלטענעם, יהודית האט זיך געלאזט אפפיהרען. און ווען אוריאל האט וויא פון חלום אויסגעשטרעקט זיינע הענד צו זיין געליעבטע, האט ער זיא געבען איהם ניט געפונען. אוריאל איז געשטאנען אזוי וויא פערניכטעט און וויא דורך א וואלקען האט ער געזעהען, וויא אלע געהען אוועק און לאזען איהם אליין מיט דער קללה אויף זיין קאפף.

ענדליך האט ער זיך אויפגעכאפט און האט אויסגעגלייכט זיין קערפער; איהם האט געשיינט אז א בארג אייזען ליגט אויף זיין קאפף. ער האט זיך ארומ־געקוקט אין אלע זייטען. אלע זיינע בלוטען זיינען אריין אין זיין קאפף. ער האט געוואלט אויסשרייען, און רופען דיא לייטע צו זיך אבער זיין אויפרעגונג האט פערשטיקט זיין האלז. וויא איינער וואס איז ארומגעריגגעלט מיט פייער האט ער זיך געלאזט לויפען צום שטאהל, האט פון דארט געכאפט זיין פערד און איז אנ־געלאפען פון מנשה וואנדערשטראטען'ס הויז, גלייך וויא טויזענד פיינדע וואלטען איהם נאכגעיאגט.

4.

ווער עס האט ניט געזעהן וויא אוריאל אקאסטא איז געפלויגען דורך דיא גאסען פון אמסטערדאם דער האט ניט געזעהן א בילד פון פערצווייפלונג, פון אויפרעגונג און פון כעס.

אהן א הוט, מיט דיא געגרייזעלטע האאר צולאזען אויף דעם ווינד, דיא בענדלעך פון דיא קליידער אויפגעבונדען, דיא בריסט אפען, און דיא אויגען גרויס און פייערדיג, איז ער געזעסען אויף זיין פערד, וויא א גייסט אויף א וואלקען און האט געטריעבען, און געטריעבען!

מענשען האבען אנגעקוקט דיעזען אויפגערייצטען פהילאזאף און האבען גע־לאכט. קינדער האבען בעגעגענט דיעזען משוגענעם רייטער און זייא האבען איהם בעווארפען מיט שטיינער. אבער אקאסטא האט עס ניט געפיהלט און ניט געזעהן אין זיינע אויערן האט געראשט דער חרם, וואס סאנטאס האט אויף איהם אויסגע־שפראכען און פאר זיינע אויגען איז געשטאנען יהודית וויא זיא געהט אוועק פון איהם לאזט איהם אליין און שטעלט זיך בייא איהר פאטער.

— עלענד! קיינער איז מיט מיר, קיינער האלט מיט מיר! — האט ער צו זיך

נעברומט.— איך בין יעצט א טויטער, א פערשטויסענער, א פערשאלטענער. איך טאָר קיין הויז בעטרעטען, איך דארף קיין האנד רייכען! מיין נאמען דארף פון קיינעם ניט ערוואהנט ווערען. איך בין אין חרם!

— פאלש! קיינער איז אמת אין דער וועלט.— האט ער ווייטער געטראכט.

— דע סילווא האט ארויסגעגעבען דיעזען אורטהייל איבער זיין בוך, ווייל איך האב געזוכט צו פערדונקלען זיין לעהרע. און יהודית האט מיך איבערגעלאזען אליין אונ־טער דיא קולות פון שופר, אונטער דעם וואלקען פון דיא שווארצע ליכט, און אונ־טער די קללות פון דעם פאנאטישען רב! אך, אקאסטא, אקאסטא, ווארום האסט דוא ניט געקענט זיין פאלש וויא אלע מענשען זיינען! ווארום האסט דוא ניט גע־קענט זאגען גוט צו אלע דומהייטען! ווארום האסט דוא בעדארפט זוכען דיא וואהרהייט אום צו ברייגגען אויף זיך דעם טויט! וואס האסט דוא אויסגעביטען! ביזט אנטלאפען פון דער קריסטליכער אינקוויזיציאָן, אום אריינצופאלען אין דער אידישער. ביזט אוועק פון דיא קריסטליכע ליגענס, אום צו ווערען א קרבן פון דיא ליגענס וואס א אידישע טאכטער האט דיר געזונגען אין דיינע אויערען! יהודית האט מיך קיין מאל ניט געליעבט. זאנסט וואלט זיא מיך ניט פערלאסען אין דיעזער שווערער שטונדע.

זיינע געדאנקען האבען איהם געטריעבען און ער האט אלץ געשמיסען דעם פערד. ענדליך איז ער געבליעבען שטעהן בייא א קליינע הויז אין א זייטיגע גאסס פון אמסטערדאם.

א קליינער אינגעל פון זיעבען יאהר, מיט לאנגע, געגרייזעלטע האָאר, מיט טיעפע קלוגע אויגען, און מיט א לוסטיגע געשטאלט, איז איהם געקומען ענט־קעגען.

— אוריאל!— האט דער אינגעל ארויסגערופען.— אנקעל וואס האט אייך געטראָפען.

דיעזער קלוגער, שעהנער אינגעל, וועלכער האט געשטעלט דיעזע פראגען איז געוועזען דער קליינער ברוך, דער זוהן פון אוריאל׳ס איינציגע שוועסטער, וועלכע וואר פערהייראט צו א געוויסען שפינאזא. דיעזער אינגעל איז געוועזען דער צוקונפ־טיגער גרויסער ברוך שפינאזא וועלכען דיא וועלט האט אנערקענט פאר דעם גרעסטען קאָפּף און פאר דעם טייערסטען דענקער אין דער וועלט, און וועלכער האט אין שפעטערע יאהרען דורכגעמאכט דעם זעלבען קאמפף וואס זיין אנקעל אוריאל אקאסטא האט יעצט געהאט.

— מיין מלאך!— האט אוריאל געענטפערט און האט געכאפט דעם קינד

אויף דיא הענד און האט איהם געקוסט.— מיין מלאך, מיין קליינער, הייליגער ברוך, דוא זעהסט מיר אויס וויא א כרוב, וויא א שרף וואס האט זיך אראפגע־לאזען פון הימעל, אויף דער ערד! אה מיין ברוך, זאג מיר, קענסט דו פערשטעהן וואס מיר האט געטראפען? קענסט דוא וויסען וואס א מענש פיהלט ווען ער ווערט בעווארפען מיט שטיינער פאר איין אידעע, פאר א מיינונג? זעהסט דוא אלע קינדער דארט האבען אויף מיר געווארפען שטיינער. אלע לייטע דארט האבען מיך אויסגעלאכט און פערשטויסען. מען וועט דיך האלטען פאר טמא, פאר אונריין, פאר א פערשאלטענעם, ווען מען וועט זעהען וויא איך האלט דיך בייא מיין ברוסט, און קוסס דיינע שעהנע אויגען. זאג מיר ברוך דוא ליעבסט דעם אנקעל?

— יא!— האט ברוך געענטפערט.— איך ליעב אייך אנקעל. איך ליעב אייך וייל איהר האט מיר געלערענט צו ליעבען ביכער, און צו טראכטען איבער יעדע זאך, ביז דער פערשטאנד זאגט אז איך בין בייא דער וואהרייט. איך ליעבע אייך וייל איהר האט מיך געזאגט, איך זאל ניט גלויבען וואס מען זאגט און זאל ניט אננעהמען זאכען וואס מיין פערשטאנד קען ניט בעגרייפען. איך ליעב אייך אנקעל פאר אייערע לאקען, און פאר דיא גריכיש און פארטוגעזיש וואס איהר האט מיר געלערענט. איך ליעב אייך וייל איך האב געפונען בייא מיין מוטער אייער בוך, אין איהם האב איך געלעזען אייערע מיינונגען. איהר שרייבט, אז א מענש קען זיין זעליג און זיין פערשטאנד איז בערוהיגט און זיין הארץ איז זיכער, אז ער ווייס דעם אמת. פוסטער גלויבען אהן איבערצייגונג קען ניט בערוהיגען. איך פערשטעה אייך גוט, און איך ליעב אייך דערפאר.

— אבער דערפאר ווארפט מען שטיינער אויף דיין אנקעל! האט אוריאל אויסגערופען און האט געדריקט דעם קינד פעסטער צו זיך.— דערפאר האט מען מיר פערשאלטען. ברוך איך קען דיינע פעהיגקייטען, דוא ביזט זיעבען יאהר, אבער דוא לעהרענסט וויא א מאן פון צוואנציג. דוא פערשטעהסט שוין איינינע שפרא־בען, און ביזט ניט פרעמד מיט פהילאזאפי. ברוך, דיין אנקעל וועט שטארבען און דוא וועסט אויפוואקסען. געדענק וואס אוריאל אקאסטא האט געשריעבען, געדענק אז נור דיא איבערצייגונג מאכט גליק. נעהם ראבע ברוך פאר דיין אנקעל. בע־וייז דיא פאנאטיקער, אז נור איבערצייגונג איז גאטהייט. בלינדע — גלויבען אין דעם שטנ׳ס וועג.

— דאס וועל איך טהאן אנקעל!— האט דער קליינער שפינאזא נעשמעטערט, און האט זיך געשפיעלט מיט אקאסטאס לאקען.

— וואו איז דיא מוטער ? — האט אקאסטא געפרעגט דעם קליינעם שפינאזא.

— מוטער איז אוועק צו דער גראס מאמא ! — האט ברוך געענטפערט. — דא איז געווען א מאנן און האט ערצעהלט אז הייטע ווערט אוריאל אקאסטא פערשאלטען, און דארום זאלען אונזערע טהירען פאר איהם זיין געשלאסען. מיין מוטער האט געוויינט און איז אוועק טרייסטען איהר מוטער.

— ארעמע פאמיליע ! האט אקאסטא אויסגעשריען מיט פערצווייפלונג, ווארום האב איך צושטערט אייער גליק ! איך האב אייך צוגענומען פון פארטוגאל וואו איהר האט געלעבט רוהיג און גליקליך, און האב אייך געבראכט אין אמסטער־דאם אום איהר זאלט זעהן, וויא אידען פערשטויסען מיך, פערשילטען מיך ! אח מוטער......

ער האט זיך צו וויינט, וויא א קליין קינד, און ברוך שפינאזא האט איהם געקוסט און געבעטען ער זאל זיך בערוהיגען.

וועהרענד דיעזע סצענע, זיינען צוויא האלענדישע פאליציסטען צוגעקומען צום פערשאלטענעם און האבען איהם גענומען פאר דיא הענד. זייא האבען איהם ערקלהרט אז מען דארף איהם האבען אין שטאדט געריכט.

אוריאל האט זיך שטום אונטערווארפען דעם ווילען פון דיא בעאמטע און איז מיט זייא געגאנגען.

אין שטאדט געריכט האט מען איהם ערצעהלט אז א דעפוטאציע פון בית דין האט צוגעשטעלט איין איבערזעצונג פון איינינע שטעלען אין זיין בוך, וויא ער לייקענט אין דער גאטהייט. און אויב ער האט ניט וואס צו ענטפערן אויף דער קלאגע וועט מען איהם פעראורטהיילען נאך דיא געזעצע פון דער לאנד. אקאסטא האט ניט פערשטאנען וואס מען רעדט צו איהם, און דארום האט ער געשוויגען. דער ריכטער האט דאן אויסגעשפראכען זיין אורטהייל אז אקאסטא זאל זיצען א טאג אין געפאנגנשאפט, זיין בוך זאל פערברענט ווערען אויף דעם מארק פון אמסטערדאם, און ער זאל בעצאהלען דיא קאסטען פון זיין געפאנגענשאפט.

וויא א שטומע שעפס אזוי האט זיך אקאסטא איבערגעגעבען צו דיא גע־פעננגים וועכטער וועלכע האבען איהם אריינגעווארפען אין געפעננגיס און האבען איהם דארט געהאלטען אויף ברויט און וואסער.

עטליכע טעג איז אקאסטא געלעגען אין דער פינסטערער צעלע און האט ניט געזעהען קיין שיין און קיין מענשען. אלע האבען איהם געמוזט פערגעסען, אלע האבען איהם פערשאלטען.

אך, און יהודית איז צווישען דיא איבעריגע. זיא דענקט ניט פון איהם. זיא טראכט ניט פון איהם. זיא שפאצירט וואהרשיינליך מיט איהר חתן בן יחאי אין דעם גארטען. און דארט וואו זיא איז געווען ענטציקט פון אקאסטאס פהילאזאפי איז זיא געווים גליקליך מיט בן יחאים רייכטהום.

ועהרענד אקאסטא איז געלעגען אויף זיין הארטען געלעגער און האט גע־האט דיזע געדאנקען אין זיין קאפף, האט זיך צום ערשטען מאל אין פינף טעג געעפענט דיא טיר פון זיין פינסטערען געפענגניס און דע סילווא, דער אלטער, ווייסער דענקער איז ערשיענען אויף דעם שוועל.

— אוריאל, אוריאל! — האט דע סילווא גערופען אין דיא פינסטערע גע־פענגניס.

אוריאל האט ערקענט זיין לעהרערס שטימע און איז ארויסגעשפרונגען פון בעט.

— איך בין היער, דע סילווא! — האט ער געענטפערט. — וואס קען דא זוכען דער פערטרעטער פון דיא פרומע און פון דיא הייליגע?

— אקאסטא! — האט דע סילווא געענטפערט. — הייליג זיינען דיא, וואס אנערקענען זייער טעות. איך בין אייך מודה, אז איך האב אייך פעראורטהיילט געגען מיין ווילען.

— דאס וויים איך! — האט אוריאל אויסגערופען. — איהר האט מיך געוואלט רעטען מיט דעם מיטעל, וועלכער איז מיר פערהאסט. איהר האט מיך געוואלט ערקלעהרען פאר קיין איד! וואס טהוט איהר דא בייא מיר?

— איך בין געקומען צו אייך אין נאמען פון אייער געליעבטע?

— מיין געליעבטע? ווער איז זיא? אלע האסען מיך! אלע פעראכטען מיך! אלע זיינען מיר פאלש!

— ניין, אוריאל, אלע ליעבען אייך און אלע בעדויערן אייך. איך בין דער ערסטער וואס קלאגט וואס אמסטערדאם דארף פערלירען אזא טאלאנט וויא אייערען. און יהודית, יהודית וואנדערשטראמטען וויל זיך ניט טרייסטען!

— יהודית, זאגט איהר! — האט אקאסטא געפרעגט און פייער האט אנגע־צונדען זיין הארץ. יהודית! איז זיא ניט צווישען דיא וואס האבען אפגעווייכט פון דעם פערשאלטענעם? איז זיא ניט פון דיא וואס האבען מורא צו שטעהן אין מיינע פיער איילען!

— יהודית האט פון אייך אבגעווייכט, ווייל זיא האט ניט געוואלט אבשניי־דען דעם שנור וואס וועט אייך האלטען צו דער וועלט. ווען זיא וואלט מיט אייך

געשטאנען אונטער דעם חרם, וואלט איהר נים געהאט ווער עס זאל פאר אייך עטוואס טהאן. אבער יהודית ליעבט אייך יעצט וויא פריהער, און זיא האט עס ערקלערט אפען איהר פאטער, איהר חתן און מיר, איהר אנקעל. זיא וויינט און זיא קלאגט, און עס איז א מיטלייד אויף דער יונגער בלום, וואס פערוועלקט אזוי שנעל. וואנדערשטראטען איז א גוטער פאטער, און ער האט איינגעווילינגט צו נעמען אייך פאר זיין איידעם, ווען איהר זאלט איינווילינגען צו שליסען שלום מיט דיא רבנים. איך האב זיך בערעטהען מיט דעם בית דין, און זיי האבען איינגעווי־ליגט צו זיין פריינדליך צו מנשה׳ס איידעם. זייא וועלען אייך מאכען לייכט דעם וועג צו אייער חרטה. אלעס וואס איהר דארפט, איז צו קומען צום מהיר פון בית המדרש, קלאפט דארט אן און בעט מען זאל אייך אריינלאזען. דער שמש וועט פאר אייך עפענען דיא טהיר.

— איך פערשטעה נים וואס איהר זאגט? — האט אקאסטא געפרעגט וויא אין חלום, און זיין קאפ וואר פול מיט געדאנקען, ווענן זיין יהודית, וועלכע איז דאך געטרייא.

— איך רייד פון אייער תשובה — איהר ווייסט דאך אז תשובה בעפרייט פון חרם! האט דע סילווא געענטפערט.

— תשובה?.... האט אקאסטא געמורמעלט — דאס איז א מערקווירדיגער ווארט. ווער האט אייך געזאגט, אז איך וויל תשובה טהאן? אז איך וויל מיך בעפרייען פון חרם?

— איהר מוזט עס מאהן! האט דע סילווא אויסגערופען — וויא קען מנשה געבען זיין טאכטער צו א פערשאלטענעם? קען ער זיך אויסשליסען פון כלל ישראל? ווילט איהר עס נים טהאן פאר זיך, ליעבט איהר דעם חרם, מוזט איהר עס טהאן פאר יהודית.

— איהר האט רעכט, האט אקאסטא געענטפערט — פאר יהודית דארף איך עס טהאן, אבער וויא קען איך עס טהאן פאר דעם דענקער? וויא קען א מענש מיט פערשטאנד חרטה האבען פון זיינע לעהרען. עס איז קיין עהרע פאר דעם דענקער, וויא ער לייקענט אליין וואס ער האט געשריעבען.

— אה אקאסטא! האט דע סילווא אויסגערופען — אייך מאכט אונגליקליך אייער פוסטער כבוד! נאט דארף נים אייער תשובה, עס איז נור פאר דער וועלט, פאר דער ארדנונג, פאר דער הארמאני צווישען מענשען. וואס זיים איהר אין דער וועלט? ווער זיים איהר? איהר זיים איינער צווישען פיעלע, איין קארן אין א גרויסען מיהל. ווילט איהר איינער אלעם ענדערן?

— יא! האט אקאסטא געענטפערט — פאר זיך בין איך א גאנצע וועלט!

— דאן זייט איהר איין וועלט געגען מיליאָנען! איך האב איין אנדער געדאנק, איין אנדער ערקלעהרונג; איך זאג צו זיך, אז דיא לעהרע פון אונזערע עלטערן איז פיליכט א טעות, אבער טויזענדע יאהרען דויערט דיעזער טעות, און האט מיליאָנען מענשען געבראכט פריעדען צום קבר. זאגט מיר אבער, וואס איז אייער לעהרע? איז שוין א מענש דורך איהר געוואָרען גליקליך? שווערט מיר, אויב איהר אליין זייט בערוהיגט מיט אייער פיכאָזאָפיע?

„אויב איהר ווילט זיין אָבגעזונדערט, קענט איהר פאָרטזעטצען אייער לעבען אין חרם. יהודית וועט זיך מיט דער צייט מוזען טרייסטען נאך אייך, וויא נאך א טויטען. זיא וועט ניט פערלאנגליקען איהר פאטער אום צו לעבען מיט אייך אין וואלד, אבגעשלאָסען פון דער וועלט. איך מוז אייך אויך דערמאנגען אייער מוטער און אייערע ברידער. אקאָסטא, אין אונזער אידישען פאָלק איז דיא פאמיליע דער שטארקסטער בונד אין דער וועלט. איך בין געקומען אין נאמען פון אייער פאמיליע, און ווען איהר גלויבט מיר ניט, וועל איך זייא באלד צו אייך שיקען. איך פרעג אייך נאר, איז דאס דיא פרוכט פון אייער פיכאָזאָפיע? בייא אונז פאנאטיקער אָפפערען זיך קינדער פאר עלטערן, מענשען פאר פריינדע. אייער פילאָזאָפיע שיינט צו לערנען, מען זאל זיך ניט קימערען איבער פרעמדע וואונדען. אייך קימערט ניט מנשה, אייך קימערט ניט יהודית, אייך קימערט ניט אייער מוטער און אייערע ברידער. צוליעב דעם אליין געפעהלט מיר ניט אייער לעהרע. איך בין געקומען ברענגען אייך צו אייער פאָלק און אייער פאמיליע. איהר ווילט ניט הערען, איהר ווילט ניט פאָלגען, לעבט אייך וואָהל.

דע סילווא האט זיך געווענדעט צום טהיר און האב געוואָלט אוועק, אבער אוריאל האט איהם אנגעיאָגט און האט איהם געכאפט בייא'ם האנד.

— איהר האט מיר ערינערט מיין מוטער! — האט ער צו איהם געזאָגט. וואַרט דע סילווא, ווארט, ערצעהלט מיר פון מיין מוטער, ערצעהלט מיר פון מיין יהודית. ליעבען זיי מיך נאך? קימערען זייא זיך וועגען מיר?

— זייער גאנצער לעבען איז פערבונדען מיט אייך! — האט דע סילווא געענטפערט. טאג און נאכט זיינען זיי אין טרערען. דיין מוטער האט מיר בעזוכט אין מיין הויז און האט פאר מיר געוויינט און האט מיך בעשוואָרען איך זאָל געפינען א וועג וויא צו פעראייניגען דיך מיט דיא רבנים.

„איך בין אוועק צו מנשה וואנדערשטראטען, און האב דאָרט געפונען דיין שעהנע יהודית אויף דיא קניע פאר איהר פאטער. זיא האט געוויינט און האט גע־

בעטען מען זאל איהר לאָזען צו איהר געליעבטען. מנשה איז א גוטער פאטער און א פריידענקער, אבער ער קען ניט שטרייטען מיט דער וועלט. ער האט צו מיר געזאגט, דע סילווא געהט צו דיא רבנים און פרעגט, וואס קענען זייא טהאן פאר דעם פערשאָלטענעם. איך בין געגאנגען אין האב געשפּראָכען, און ברענג דיא נייעס, אז איהר קענט מיט איין שריט צוריסען דיא קייטען, איינוואָרפען דיא אייזערנע וואנד, און טרייסטען אייער פאמיליע און אייער געליעבטע.

— און וואס זאל איך טהאָן, וועה, וואס זאל איך טהאן! — האט אקאָסטא אויסגערופען און וואר געריהרט ביז טרערען.

— א קלייניגקייט, איהר דארפט זאגען, אז איהר האט חרטה פון אייערע לעהרען.

— איז דאס א קליינינקייט! — האט אקאסטא געשריען. — דאס איז דאך ליגען!

— פון דרך שלום מעג מען זאגען א ליגען!

— אָה! האט אוריאל געקרעכצט און האט זיך צו־ווינט אויף דע סילווא'ס האלז — איהר שיסט הייסע פיילען אין מיין הערצען. — מען וויל פון מיר איך זאל טהאן א זאך וואס מהוט אזוי וועה, וואס שטעכט אזוי דורך דאס הארץ. איהר ווילט איך זאל מקריב זיין מיין שכל פאר מיין ליעבע! איהר ווילט איך זאל ברע־בען מיין שטאָלץ, מיין איבערצייגונג. נוא, נוא, איך וועל ווערען א וואָרם, איך וועל קריכען אונטער דיא פיס, איך וועל מיך לאזען טרעטען. געהט, דע סילווא, געהט צו מיינע ריכטער, זאגט זיי אז אקאָסטא אָפּפערט זיין גייסט פאר זיין ליעבע; זאגט, ער בייגט זיין רוקען, זאלען אלע דומע פון פאָלק אויף איהם שפּרינגען. איך וועל זאגען דעם ליגען אום צו קויפען דיא ליעבע, איך וועל פערוואונדען מיין הערץ אום צו היילען דיא הערץ פון מיין מוטער און פון מיין כלה.

— היער איז מיין האנד, אוריאל! האט דע סילווא געזאגט, און האט ארומ־גענומען זיין געוועזענעם תלמיד. נאך עטליכע טעג האט איהר צו פערברענגען אין געפאנגענשאפט. איך וועל דערווייל אלעס פאַרבערייטען צו אייער תשובה. פון דאנען וועלען מיר אייך פיהרען געפאנגען צו דער אידישער קהל שטיבעל. דארט וועט איהר זיצען ביז דיא רבנים וועלען ארויסגעבען זייער אורטהייל. איהר וועט געוויס דארפען דורכמאכען צערעמאָניען, מנהגים און אנדערע זאכען. טהוט אלעס וואס מען זאגט אייך, קימערט זיך ניט, ווען דאס פאלק וועט געגען אייך אויפ־טרעטען. דיא צערעמאָניען וועלען אבווישען דעם חרם, און איהר וועט ווערען ווי איינער פון אונז.

— איך וועל אַלעס אויסשטעהן, גענהט דע סילווא, עפענט פאר מיר צוריק דעם וועג צו מיינע טהייערע.

דע סילווא איז אוועק. דיא טהיר פון געפענגניס האט זיך געשלאָסען און אקאסטא האט זיך ווידער געוואָרפען אויף זיין געלעגער און האט ווידער גע־טראכט וועגען זיין יהודית און זיין מוטער.

5.

אין דער צייט וואס דע סילווא איז ארויס פון אוריאל אקאָסטאַ'ס געפענגניס און האט פון איהם ארויסגעטראָגען דעם פערשפרעכען צו שליסען שלום מיט דיא רבנים, אין דיעזער זעלבער צייט איז מנשה וואַנדערשראַטען געקומען צו זיין היים פון דער בערזע. מנשה איז געקומען בלאַס און ניעדערשלאַגען. זיין אלטער קאָפּ וואר געבויגען ביז דער ערד און זיינע אויגען ווארען פול מיט טרערען. ער איז אריין אין זיין גארטען אזוי שטיל און אזוי פערטראכט וויא איינער וואס האט א טרויעריגע בשורה אין ער האט זיך געזעצט אונטער א בוים.

פון זיין פּלאַץ אין גאָרטען האט ער בעמערקט זיין טאָכטער יהודית. זיא האט געוואַנדערט אין דיא אַלעען פון גארטען. יהודית האט געטראָגען שווארצע קליידער אויף איהר שעהנעם קערפּער, און א שווארצע טוך אויף איהרע שעהנע האָאר. זיא וואר בלאַס און פערזאָרגט און האט אויסגעזעהן וויא א יונגע אלמנה וועלכע בעזוכט דעם קבר פון איהר ערסטע ליעבע.

— ארמע טאָכטער! האט מנשה געמורמעלט, וועהרענד ער האט בעטראַכט זיין קינד. איך פיהל דיינע שמערצען. איך וויים דיינע וועהטאָגען. אבער איך קען דיר נים העלפען. איך קען נים קעמפּפען געגען דער וועלט. איך קען נים קעמפּפען געגען דעם שיקזאל. איך מוז דיך אפּפערן מיין־קינד, פאר דער וועלט'ס מיינונג און פאר מנשה וואַנדערשטראַטען'ס כבוד!

וועהרענד מנשה האט גערעדט צו זיך אליין, האט יהודית דערזעהן איהר פאטער און זיא איז צו איהם צוגעלאָפען.

— וואס איז דיר געשעהן, גוטער פאטער! — האט יהודית אויסגערופען און האט גענומען איהר פאטערס האנד און האט זיא געקוסט. — דוא זעהסט אויס אזוי בלאַס און אזוי טרויעריג. האט דיר עטוואס פּאסירט? זאָג עס דיין טאָכטער, זאָג עס דיין יהודית.

מנשה האט צונעצויגענע זיין טאָכטער צו זיין ברוסט האט זיא געדריקט, און געקוסט, און געגלעט.

— מיין שטאָלץ, מיין שטאָלץ, מיין פריידע! — האט ער צו איהר געזאגט און האט זיא ניט געקענט אָפּלאזען פון זיין ברוסט. — איך ווייס אז דוא ליעבסט דיין פאטער. און ווארום זאלסט דוא איהם ניט ליעבען דיין מוטער האט דיך איבערגעלאזען אויף מיינע הענד ווען דוא ביזט נאך געלעגען אין וויעגעלע. איך האב אויסגעלערענט צו זיין צו דיר א פאטער און א מוטער. איך האב דיך אויס־געהאדעוועט צו דיא שעהנסטע און געבילדעטסטע יונג פרוי פון אמסטערדאם. דוא ביזט אונטער מיין ליטונג אויסגעוואקסען וויא א בוים בייא א קוואל וואסער. איך האב געבויט פאלאסטען, געפלאנצט גערטענער, געזאמעלט קונסט בילדער, און די שעהנסטע מארמארנע און אייזערנע סטאטוען, איך האב צו מיין הויז געלאדען דענקער, פהילאזאפען, און קענער אום דיין גייסט זאל זיך ענטוויקלען און זאל אויסוואקסען צווישען פּאָעזי און חכמה. מיין גאנצע זאָרג אין דער וועלט איז ווע־גען דיר, דוא ביזט מיין איינציגע, דוא ביזט מיין טהייערסטע.

— און דיין איינציגע און דיין טהייערסטע זאל דיך ניעמאלס פערלאסען, אדער בעטריעגען! — האט יהודית געענטפערט און האָט זיך געזעצט אויף איהר פאטערס שויס. — דוא זאלסט קיין מאל ניט זאגען, אז דוא האסט אויסגעגאסען דיין ליעבע און דיין פריינדשאפט אויף א הארטען שטיין. יהודית איז צו איהר פאטער, וואָס איהר פאטער איז צו איהר.

— דאס ווייס איך קינד, און וויל איך ווייס אז דוא וועסט ניט ענטזאגען דיין פאטערס וואונש דארום בין איך הייטע אזוי טרויעריג.

— און וואס מיינסט דוא דערמיט פאטער?! — האט יהודית אויסגערופען מיט שרעק. — איך זעה אז דוא האסט א טרויעריגע נייעס צו מעלדען. זאג ארויס פרייא, דיין יהודית האט דעם מוטה צו הערען טאָדעס אורטהייל.

— הייטע אויף דער בערזע! — האט מנשה אנגעפאנגען זעהר לאנגזאם און זעהר טרויעריג. — הייטע אויף דער בערזע זיינען דיא געשעפטען געגאנגען וויא אידען אין ים. אָט האבען זייא זיך אויפגעהויבען אין דער הויך און אָט האבען זייא צוריק געזונקען אין אבגרונד. עס האט געפאדערט דיא קרעפטען פון א ריעז, דיא וויסענשאפט פון א גרויסען קאפיטאן צו האלטען זיך בייים רודער און שווימען פון אויבען. צעהן מאל האב איך פאר זיך געזעהן דעם אונטערגאנג. א קליינער פעה־לער, איין קליינע סבה, איין ביסעל שוואכקייט און אין דער בערזע וועט פערקונ־דיגט ווערען מיט א טראָמפּייט, אז מנשה וואנדערשטראטען איז באנקראָט.

אָה, וויא פירכטע איך פאר דיעזען געשרייא ! דיא געשעפטס ליטע ווייסען פון קיין ברידערשאפט. דארט אויף דער בערזע מוזען מיר זיין אדער וועלף אדער שעפסען. ווער עס קען נים פערצוקען, ווער עס קען נים איינהאקען זיינע ציין אין דעם צווייטענס פעל דער מוז אליין פערצוקט ווערן. דאָרט אויף דער בערזע הערשט נור דער „איך“. מנשה האט פריינד, מנשה האט פערעהרער זאָ לאנג ער שווימט פון אויבען. אבער מנשה ווערט געטראָטען אונטער דיא פיס, מנשה ווערט צורריסען אין שטיקער, מנשה ווערט אויסגעלאכט, פערלאסען און פעראכ־טעט, אזוי שנעל וויא ער גליצט זיך אויס און פאלט פאר דיא פיס.

„צעהן מאָל בין איך הייטע געווען נאהענט צום פאָל, צעהן מאל האב איך געזעהן דיא וועלפישע ציין ארום מיר, וועלכע זיינען געשטאנען בערייט צו צורייסען מיין פעל פון מיין לייב, און צעהן מאל האב איך זיך גערעטעט. צום עלפטען מאָל האב איך מיך געפונען אין א ווינקעל, צוגעשטיקט און דערוואָרגען און האב נים געפונען קיין וועג וויא צו רעטען זיך. בן יחאי, וועלכער איז נים לאנג צוריקגעקומען פון זיינע רייזען האט מיך ארומגערינגעלט אין זיין נעטץ. ער האט דעם שטורם פון דער בערזע בענוצט אין דער שטיל: ער האט אויסגעקויפט אלע מיינע וועקס־לען, אלע מיינע פאפירען און אלע מיינע געשעפטען. ער האט מיך אין געהיים גע־טריעבען צו אלערלייא פערצווייפעלטע מיטלען אום צו ערשעפען אלע מיינע קרעפ־טען, און ווען איך בין שוין געווען מיעד, ווען איך האב פערלאָרען אלע מיטלען, האט ער מיך צונעדריקט אין א ווינקעל וויא א וואלד גזלן צו א בוים און איז אפען ארוים מיט זיינע פאָדערונגען.

— און וואס האט ער פון דיר געפאָדערט ! — האט יהודית געפרעגט און האט געציטערט.

— מיין וואָרט, מיין פערשפרעכען ! — האט מנשה געענטפערט — איהר מוזט פאלען ! — האט בן יחאי געשריען אין מיינע אויערען. — מנשה וואנדער־שטראַטען, דארף קיין פלאטץ פערנעהמען אויף דער בערזע, ווייל ער קומט נים נאך זיין קאָנטראקט. איך האב איהם געפרעגט, וועלכען קאָנטראקט ער מיינט או, ער האט מיר געענטפערט: נאך אין מיין וויעג בין איך פערקנס'ט געוואָרען צו אייער יהודית. נאך אלס קינדער האט מען אונז ערקלעהרט חתן כלה. איך און יהודית זיינען אויפגעוואקסען אונטער איין בונד. דער אָפּמאך איז געווען מיר זאָלען פייערן אונזער האָכצייט אזוי שנעל וויא איך וועל קומען פון מיינע רייזען. איך בין או.עק און יהודית איז דאָ אויפגעוואקסען אלס דיא שעהנסטע און עדעלסטע פרוי פון אמסטערדאם. אבער דאס איז מיין געווינס. מיין אייגענטהום איז טהייערער

גענוואָרען אין מיין אבוועזענהייט. מיין גארטען האט אויפגעבליהט אין מיין זומער! האט בן יחאי געשריען — וועט איהר מיר ניט אבגעבען מיין הויז נור דארום ווייל איהר ווערטה איז געשטיגען נאך דעם וויא איך האב זיא געקויפט? יהודית איז געוואָרען שעהן, דאס איז מיין גליק. איך בין געוואָרען דאר, מאגער און העסליך, דאס איז איהר שאדען. געשעפט איז געשעפט, און דער קאָנטראקט דארף ניט געבראָכען ווערען. נון בין איך אייך געקומען פאָדערען מיין פערמעגען, מיין כלה. מנשה וואנדערשטראטען האט זאגאר געעפענט פאר מיר זיינע ארמען, האט מיך גערופען זוהן און האט געמאכט א בייזע מינע צו זיין טאָכטערס פערקעהר מיט דעם חרם׳ניק, מיט דעם משוגענעם פילאָזאָף, אבער יהודית איז נאך אלץ ניט מיינע. פינף טעג זיינען אוועק זייט דעם חרם, און איהר האט מיר ניט געשיקט רופען צו זיך אין הויז. היינט הער איך אז יהודית איז נאך אלץ פערליעבט אין פילאָזאָף, און אז מנשה וואנדערשטראטען האט איינגעוויליגט צו רופען אקאָסטא צו זיך און געבען איהם זיין טאכטער, ווען ער וועט נור אָבוואשען פון זיך דעם חרם און וועט שליסען פריעדען מיט דער געמיינדע. אויב דאס איז מנשה וואנדער־שטראָטענס עהרליבער האנדעל מיט מיר וועל איך מיט איהם האנדלען וויא בן יחאי פערשטעהט. איך האב אייך אין מיין האנד, איצט וועהלט צווישען אייער עהרע און אייער יהודית.

אזוי האט מנשה איבערגעגעבען צו זיין טאָכטער יעדען וואָרט וואס בן יחאי האט צו איהם גערעדט, און ווען ער האט געענדיגט זיין ערצעהלונג, האט ער זיא געהאלטען געגען זיך און האט איהר געקוקט גלייך אין דיא אויגען. ער האט איהר ניט געזאגט וואס ער פערלאנגט פון איהר. אבער ער האט אין איהרע אויגען גע־וואָלט לעזען וואס איהר הארץ פיהלט און הייסט טאָהן.

— און וואס האט מנשה וואנדערשטראטען געענטפערט? — האט יהודית געפרעגט — וואס האט געענטפערט דער מאן, וואס האט זיך ניעמאלס געשראָקען פאר קאנקורענטען, און האט זיך ניעמאלס געוואָלט לאזען דיקטירען, דערמיט אליין וואס בן יחאי האט דיך געוואלט צווינגען האט ער בעדארפט פערליערען זיין האפנונג. מנשה וואנדערשטראטען וויל ניט מען זאל איהם צווינגען אין זיין האנדעל.

— יא, יהודית, דאס בין איך איטער געוועזען. איך בין געווען א מאָגארך און א דעספאָט אין מיין וועלט. פון צוואנג און בעפעהל האב איך ניט געוואלט וויסען. אבער דאס איז געוועזען אלעס דאן, ווען מיין פערמעגען וואר גרויס און האט געקענט פערטראָגען א פערלוסט. ווען עס וואָלט זיך געהאנדעלט וועגען א העלפט, זאגאר

וועגען מיין גאנצען פערמעגען, וואלט איך געענטפערט: בן יחאי, איך האב אימער געדענקט צו ערפיללען מיין פערשפרעכען און געבען דיר דיין כלה, אבער ווייל דוא ביזט צו מיר געקומען מיט א בייטש, האסטו פערלארען מיין הילפע און מיין הסכמה. יהודית קען ניט זיין דיינע זאגאר ווען מיר זאלען וועלען.

„אבער מיין לאנגע יעצט איז אנדערש. ניט נור מיין פערמעגען איז געזונקען אין בן יחאי'ס נעטץ. נור אויך מיין גאנצער קרעדיט. געלד פאר וועלבע איך האב פערמשכנ'ט מיין עהרע. געלד וועלבע איך האב געבארגט אויף מיין ווארט. געלד פון צעהנדליגע קליינע געשעפטס לייטע, וועלבע וועלכען פאלען, ווען איך וועל פאלען, זיינען אריין אין דער ספעקולאציע. ווען איך וועל ניט גוט מאכען מיינע שולדען, וועל איך גראבען דעם קבר פון צעהנדלינגע מענשען. אמסטערדאם וועט האבען נייע בעטלער. איך וועל פערשטויסען ווערען מיט שאנדע פון דער בערזע. מען וועט מיך פערהאפטען, פראצעסירען און בעשטראפען מיט געפענגנים. שווינדלער! בעטריגער! געלד־באפער! דיעזע שרעקליכע נעמען וועט געקריצט ווערען אויף מיין שטערן. מען וועט דאן זאגען, אז דער חרם, וועלבען דיא רבנים האבען געווארפען אויף אוריאל אקאסטא, איז געפאלען אויף מיין הויז. דוא יהודית וועסט בלייבען אהן א פאטער וויא דוא ביזט אהן א מוטער. אונזער הויז און אונזער גארטען וועלען פערקויפט ווערען. בן יחאי וועט זיך אין זייא בעזעצען. מיך וועט מען האלטען אין קייטען, און דיך יהודית וועט מען ניט ארויפלאזען אויף איין אידישען שוועל.

— און וואס האסטו געענטפערט און וואס האסטו בעשלאסען? — האט יהודית געפרעגט מיט איין אראבגעלאזענעם קאפ און מיט שטארע אויגען, וויא א פעראורטהיילטער, וואס דארף הערען דעם טאדעס אורטהייל פון זיין ריכטער.

— איך האב געבעטען דריי טעג צייט! — האט מנשה געענטפערט — איך האב ערקלעהרט, אז מיין טאכטער איז זעלבסטשטענדיג און האט איהרע אייגענע רעכטע איבער זיך. אמת, איך האב פערקנס'ט מיין קינד ווען זיא איז געוועזען א קינד און איך בין בערייט צו האלטען ווארט. אבער דאס קינד האט יעצט איהר איינענעם פערשטאנד, איהר איינענעם ווילען, און איך בין נור הערדשער פון מיין ווילען אבער ניט פון איהרען.

— ווארום האסטו דאס געטהאן, פאטער! — האט יהודית אויסגערופען און האט זיך געווארפען אויף מנשה'ס האלז — ווארום האסטו ארויפגעלייגט דיא פעראנטווארטליכקייט אויף מיר? פיעל בעסער וואלט מיר געווען, ווען דוא וואלסט

געזאגט: בן יחאי, יהודית איז מיין איינענטהום, נעה, זיא איז צו דיר פערקויפט! פיעל בעסער וואלט פאר מיר געווען, ווען דוא וואלסט נעקומען און געזאגט: יהודית, דוא ביזט מיין טאָכטער, איך האב דיך ערצויגען, איך האב דיך געבילדעט און איך פערקויף דיך יעצט פאר געלד! און מיר וואלט דאן ערוואכט מיין שטאָלץ, מיין מוטה, מיין זעלבסטשטענדינקייט; איך וואלט דאן צוזאמענגערופען דיא לעהרען, וואס אקאסטא האט אין מיר פערפלאנצט, און איך וואָלט פערטהיידינט מיין איינענעם וואונש. איך וואלט אייך געזאגט, אז איך נעה לעבען מיט דעם פערשאָלטענעם אין וואלד, איך נעה וואנדערן מיט דעם פערשאָלטענעם איבער וויסטע פעלדער, איך נעה וואָהנען מיט מיין אוריאל אין דיא פעלזען און אונטער דיא בערג, און לאָז אייך בערזען-מענער גאנץ אמסטערדאם מיט איהרע פּאלאס-טען און רייכטהימער. אָבער יעצט, אָה, וועה, וועה! יעצט פאטער, ווען דוא האסט מיר געשילדערט דיין שיקזאל און האסט מיר געוויזען וויא גוט און וויא עהרליך דוא ביזט! דוא האסט מיר געוויזען, אז נאך אלע בערג אויף דיין קאָפּ האסטו מיר געגעבען דיא פרייהייט צו אָפּפערן דיין עהרע און דיין לעבען פאר מיין ליעבע. יעצט פאטער, קען איך ניט זיין דיין ריכטערין, דיין תליון! יעצט מוז איך מיך פערקויפען ערניעדערינגען און פערדערבען. איך מוז זאגען „יא", דארט וואו דיעזער וואָרט איז מיין טויט...... פאטער...... ווארום האסטו מיר געגעבען דיעזע פרייהייט צו שטארבען מיט מיין איינענעם ווילען...... פאטער...... נעה צוריק צו דער בערזע...... זאג בן יחאי.... ער האט געוואונען.... א כלה.... אויף דער בערזע........

א קוואל טרעהרען האבען זיך ארויסגעריסען פון יהודית אויגען. זיא איז גע-פאלען אויף איהר פאטער'ס האלז און האט געוויינט צוזאמען מיט איהם.

דיא זונן איז אונטערגעגאנגען. א טיעפע דונקעלהייט האט בערעקט דעם דעם גאָרטען. א ווינטעלע האט געבלאָזען צווישען דיא בוימער, וועלכע האבען גע-שאָקעלט זייערע קעפּ אויף יהודית אונגליק.

אין דעם גאָרטען איז נאך אלץ געזעסען יהודית און איהר פאטער און ביידע האבען געוויינט און געוויינט........

6.

דער דריטער טאג נאך דע סילוואָ'ס ערסטען בעזוך איז געקומען. עס האט געשלאָגען דריא שטונדע, ווען דיא געפענגניס האט זיך געעפענט פאר אוריאל אקאסטא.

וויא א בעטויבטער, וויא א בעטרונקענער איז אקאסטא געשטאנען ביי'ם טהיר פון זיין צעלע און האט געוואַרט אויף דע סילוואָ, וועלכער האט איהם פערשפּראָכען צו קומען פיהרען צו דיא רבנים.

וואס האט אוריאל אקאסטא צו דיזער שטונדע געדאַכט? האט ער פילייכט חרטה געהאט פון זיין בעשלוס צו געהן איבערבעטען די רבנים? האט ער געדאכט פון זיין יהודית, וועלכע ער וועט באלד קענען זעהן, ארומנעהמען און הייראטהען? האט ער געטראַכט פון זיין ראַבע, וואס ער וועט נעמען פון בן יחאי, ווען ער וועט פאר איהם אין דיא אויגען פיהרען דיא שעהנע יהודית צו דער חופּה?

ווער קען וויסען וואס דיזער דענקער האט יעצט געדענקט. ער וואר בלאס און שטיל, אין זיינע אויגען האבען געקוקט צום טויער, דורך וועלכען דע סילוואָ דאַרף קומען.

און ענדליך איז ער געקומען.

דע סילוואָ מיט א פּאָר שמשים זיינען ערשיענען אין טויער פון געפענגניס און דער האָלענדישער בעאמטער, וועלכער האט געהאט דעם געפאנגענעם אין זיין האנד האט זייא צוגעפיהרט צו דעם אָרט, וואו אוריאל אקאסטא האט אויף זייא געוואַרט.

— היער בין איך, אקאסטא! — האט דע סילוואָ אויסגערופען און האט געדרייכט זיין האנד צום פערפלוכטען, וועהרענד דיא שמשים האבען דרייא מאל אויסגעשפּיִיט און האבען געהאט מורא צו קומען נאהענט צו איהם.

— אז איהר זייט דאָ, דאס זעה איך! האט אקאסטא געענטפערט — און אויף אייך האב איך געוואַרט. אבער ווער זיינען דיזע מענער אין דיא שווארצע מאַנטלען וואס שפּייען אויף מיר וויא אויף א הילצערנעם נאָט?

— דאס זיינען שמשים, דיענער פון בית דין! — האט דע סילוואָ געענטפערט — איהר דאַרפט אויף זיי ניט אכטען. זיי זיינען ניט מעהר וויא שמשים, וואס האנדלען נאך זייער גלויבען און נאך דעם בעפעהל פון דיא העכערע. איהר דאַרפט זיך איבערגעבען אין זייערע הענד. זייא וועלען אייך פיהרען צום טהיר פון

שוהל. דאָרט וועט איהר אנקלאפען דריי מאל און איהר וועט זאגען דעם פסוק:
„פתח לי שערי צדק". איהר וועט נאכדעם דארפען זיצען אין א ווינקעל. דאס
פאָלק וועט איבער אייך געוועלטיגען א ווייקע, דאן וועט איהר דורבגעהן א צערע־
מאָניע, איהר וועט פאַרלעזען אייער ווידוי. איך האב געבעטען דיא רבנים זייא
זאלען זיין פריינדליך צו אייך, און נאכדעם וועט איהר ווערן ריין און פרייא, וויא
יעדער פון אונז. עס איז ווערטה דיא מיהע, עס איז ווערטה דיא שמערצען צו
ווערן א מיטגליעד אין דער איינענער געזעלשאפט.

— נענוג! גענוג! — האט אקאסטא אויסגערופען מיט אונגעדולד. — איך
וויל נים מעהר דיא פיליזאָפיע. איך וויל נים וויסען ווארום איך טהו עס. איך
ווייס, דע סילווא, אז איהר וועט האבען אייער נחת. דער מאן וואס האט געוואנט
אנצוגרייפען אייער ווערק, וועט אין דער עפענטליכקייט ערקלעהרען אז איהר האט
רעכט און ער איז אונגערעכט. אבער איך טהו עס, איך טהו עס! קומט.

דיא שמשים האבען זיך יעצט געשטעלט ארום אקאָסטא, און אויף דע
סילווא'ס וואונק זיינען זיי אלעס מיט איהם אבגעגאנגען פון געפענגנוס.

— איך וועל רייטען פאָראויס! — האט דע סילווא געזאגט צו דעם עלטערן
פון דיא שמשים. איך וועל היילען צו מנשה וואנדערשטראטען, און וועל דאָרט
פאָרבערייטען דיא גוטע יהודית. פיהרט איהם צום שוהל, דארט וועלען מיר זיך
טרעפען.

דע סילווא האט זיך געזעצט רייטענדיג און איז אוועק, וועהרענד די שמשים
האבען געפיהרט דעם פערשאָלטענעם צו פוס.

זאָלאנג מען איז געגאנגען דורך די שטילע אמסטערדאמער גאסען, זאָלאנג
מען איז געגאנגען דורך דיא געגענדען וואו אקאסטא איז געווען אונבעקאנט האט
דער אונגליקליכער נים געפיהלט דעם מאכט פון דעם חרם. אבער קוים זיינען זיי
אריין אין דעם אידישען קיווארטאל, קוים האבען זיי בעגעגענט דעם ערסטען איד
אין גאס אזוי האט אוריאל דערפיהלט דיא מאכט פון דער קללה וואס בית דין
האט אויף איהם געלעגט.

דער ערסטער איד וואס האט בעגעגענט דעם פערשאָלטענעם האט אראָב־
גענומען זיין פאנטאָפעל פון זיין פוס האט איהם אווארפגעטהאן אין אקאסטא'ס
געזיכט, און האט דערביי אויסגעשריען: שקץ תשקצנו! שקץ תשקצנו!

אקאסטא האט פערביסען זיינע ליפען און איז ווייטער געגאנגען. — ער איז
דאך נים מעהר וויא א דומע חיה, וואס דענקט נים, וואס פערשטעהט נים! —

האט ער אין זיך געדאכט. — דער ארימער מענשעלע מיינט אז ער האט ערפיהלט א רעליגיעזע פפליכט, ווען ער האט בעליידיגט א פערשטויסענעם פון זיין רעליגיאָן. איך וועל איהם פערצייהען דיעזע נארישקייט.

אבער קוים איז אקאָסטא מיט דיא שמשים געקומען עטוואס ווייטער אין דער אידישער גאס, אזוי האט איהם ערקענט איין ארעמע פרוי, און זיא איז צו איהם צוגעלאָפען מיט א געשריי:

— אפיקורוס! משומד! גיב מיר מיין קינד! גיב מיר מיין קינד!

— אייער קינד? — האט אקאָסטא געפרעגט מיט איבערראשונג — ווער זייט איהר? ווער איז אייער קינד?

— מיין קינד איז אלט געווען פינף יאהר! — האט דיא פרוי געענטפערט. ער האט זיך געשפיעלט בייא זיין הויז. דיא הייליגע נשמה'לע האט ניט געוואוסט פון קיין זינד. אבער איהר זייט פאראיבער געגאנגען דאס הויז און איהר האט א קניפ געטהאן מיין קינד אין בעקעל. איהר זייט א פערשאָלטענער, גיפט איז אין אייער אטהעם, און דער טויט איז אין אייער האנד. באלד וויא איהר האט בע־ריהרט מיין קינד, איז איהם אריין דעם חרם. ער איז געקומען צו מיר האט זיך בעקלאגט אויף קאָפּ־וועהטאג, האט גענומען הוסטען און איז אין דרייא טעג גע־שטאָרבען. איך האב ניט געוואוסט פאר וועמעס זינד מיין קינד איז אוועק ביז א פרוי האט מיר ערקלערט, אז דער חרם'ניק איז וואהרשיינליך דורכגעגאנגען דיא גאס און האט פערסמ'ט מיין בן יחיד.

— איהר זייט א נאַר! — האט אקאָסטא געענטפערט און האט געוואָלט ווייטער געהן. אָבער דיא פרוי האט אויפגעהויבען א שטיין און האט איהם געשליי־דערט אין זיין געזיכט, און האט איהם גענומען שילטען און זידלען אזוי הויך און אזוי שטארק, דאָס צעהנדליגע אידען זיינען צוזאמענגעלאָפען פון זייערע הייזער און אקאָסטא איז געוואָרען ארומגערינגעלט פון א בייזער מאסע.

— איהר זייט פערטרעטער פון בית דין! — האט אקאָסטא געזאָגט צו דיא שמשים. — אין אייערע הענד האט מען מיך אנפערטרויט, און איהר דאַרפט מיך שיטצען פון דער בייזער מאסע!

אָבער דיא שמשים האָבען ניט געענטפערט. זיי האָבען מורא געהאט צו ריי־דען מיט דעם פערשאָלטענעם איידער דיא רבנים האָבען אראָפּגענומען דעם חרם.

און דיא מאסע איז פון מינוט צו מינוט געוואָרען גרעסער און ווילדער. ווער עס האט געקראָגען א שטיין האט איהם געשליידערט אין אקאָסטאס געזיכט, ווער עס האט ניט געפונען א שטיין, דער האט אויף איהם געשפייט. מאנכע האָבען

געבראכט שמוציגע זאכען פון זייערע הייזער און האבען עס געוואָרפען אין זיין געדכט, און מאנכע האבען אראפגענומען זייערע שיך און האבען איהם דערמיט געשלאָגען.

אקאסטא האט זיך געזוכט ארויסצודרייסען פון דיעזע חילדע פאנאטיקער, וואס האבען קיין מיטלייד געהאט מיט דעם פערשאָלטענעם. יעדער האט געפונען מיט וואס צו בעשולדיגען דעם חרם׳ניק. איינער האט פערלאָרען א הונד, דעם צווייטען האט אויפגעריסען א צאהן, דער דריטער האט געליטען שאדען אין זיין געשעפט און דער פערטער האט פערלאָרען זיין פערד. פאר דיעזע אלע זאכען האבען זיי געוואלט נקמה אין דעם גאטעס לעסטערער, וועלכער טראָגט אויף זיין קאפ דיא קללה פון גאָט און פון לייט.

מיט א פערבלוטיגטע געזיכט, אין צוריסענע קליידער, וועלכע זיינען געהאנגען אין פאסען אויף זיין פערוואונדעטען לייב איז אקאסטא קוים מיט דעם לעבען אנטלאָפען פון דיעזע אויפגעקאָכטע מענשען. ער איז געלאָפען וויא א הירש, וואס ווערט געיאָגט פון בעוואפענטע יעגער, און ווען ער איז געקומען צום בית־דין שטיבעל איז ער געפאלען אָהנמעכטיג אויף דיא טרעפ און איז געבליבען ליעגען אין שטויב. דאָס בלוט פון זיין געזיכט האט געטריפט אויף דיא שטיינערנע טרעפ און דיא זאמד פון גאס האבען אָנגעפיהלט זיינע וואונדען. זיינע פערפאָלגער זיינען געשטאנען ארום איהם און האבען געברומט פון נחת.

אויף דעם שטורם פון דעם פאָלק איז רבי סאנטאס ארויס פון בית דין שטיבעל, און ער האט דערזעהן דעם פהילאזאף אויסגעצויגען, וויא א טויטער ביים שוועל פון שוהל. ער האט א ווייכע געשמייכעלט און האט זיך אויך געזעטיגט מיט נקמה, מיט דיא קראפט פון זיין חרם. ווען זיין הארץ איז געוואָרען זאט, האט ער בעפאהלען מען זאָל אריינטראָגען דעם אהנמעכטיגען אין דעם געפעננים צימער פון בית דין שטיבעל, און מען זאָל איהם דאָרט האלטען גאנץ אָפגעזונדערט פון אלע מענשען ביז דיא רבנים וועלען איהם רופען צו זיך.

אקאסטא איז אפגעטראגען געווארען אין דער פינסטערער צעלע, אלס געפאנגענער פון דיא רבנים.

קוים איז אוריאל אקאסטא צוגענומען געוואָרען און דיא מאסע איז צוגאנגען, אזוי איז האסטיג געקומען צו לויפען דער דאָקטאר דע סילווא, און וויא ער האט דערזעהן רבי סאנטאס אויף דיא טרעפ פון שוהל האט ער צו איהם אויסגערופען;

— רבי סאנטאס, וואו איז אקאסטא?

— אקאסטא איז פערשפארט אין אונזער געפעננים, וואו ער מוז בלייבען

אליין דריי טעג, אום ער זאָל האָבען צייט נאכצודענקען וועגען זיין ווידוי. פאַרלוי־פיג קענען מיר איהם ניט שטעלען דיא נויטהיגע פראגען, ווייל מען האָט איהם אויפגעהויבען איין אָהנמעכטיגען פון דער ערד.

— גרויסער גאָטט! — האָט דע סילווא אויסגערופען — איין אהנמעכטיגען?

— יאָ, אקאָסטא האָט נעמווט פיהלען דעם צאָרן פון דעם אידישען פאָלק, וועלכען ער האָט בעליידינגט. ער איז אהער געקומען צושלאָגען, פערוואונדעט און פערפאָלגט. זיינע קליידער ווארען צוריסען, און זיין בלוט האָט גערונען און ער איז געפאַלען אהנמעכטיג אויף דיא טרעפ. איך האָב איהם אָפגעשיקט אין א צעלע, דאָרט זאָל ער זיצען אַליין, אבגעזונדערט פון יעדען איינעם, און דאָרט זאָל ער בע־טראכטען זיין ווידוי און זיין שלום מיט דעם אידישען פאָלק.

— און קען איך איהם בעזוכען אום איהם צו מעלדען וואס איך האָב ערסט געהערט? — האָט דע סילווא געפרעגט.

— וואס האָט איהר געהערט?

— אז זיין מוטער איז זעהר קראנק פון שמערצען. זיא האַלט ביי'ם שטארבען.

— ניין! — האָט סאַנטאס געענטפערט דאס קען איהם טרייבען ער זאָל חרטה האָבען פון זיין זינד, אבוואהל זיין הערץ וועט זיין שלעכט וויא פריהער. וואס נאָך האָט איהר געהערט?

— איך האָב ערסט געהערט, אז מנשה וואנדערשטראָטען איז באַנקראָט! האָט דע סילווא אויסגערופען — בן יחאי האָט פערשטאַנען וויא צו שטירצען דיזען רייכען מאַן. מיין שוואָגער מנשה האָט געלעבט רוהיג אין זיין גאָרטען צווישען זיינע בלומען און זיינע סטאַטוען און ער האָט געמיינט אז ער איז זיכער פון יעדען שאדען און פון יעדע זאָרג. אבער בן יחאי, ויעלכער האָט בערייזט לאָנדאָן, פאַריז און אנדערע גרויסע האנדעלס שטעדט האָט זיך אויסגעלערנט אלע קונצען פון דער בערזע און ער האָט אונטערנעשטעלט מיין שוואָגער א פאַסטקע און האָט איהם נעקראַנען אין זיינע הענד. יעצט צווינגט איהם דיזער יונגער מאַן ער זאָל האַלטען זיין אמאָליגען פערשפרעכען און זאָל איהם געבען זיין יהודית פאַר א ווייב, אדער ער זאָל געהן באַנקראָט.

„וואס זאָל יהודית יעצט טהאָן? זאָל זיא זיך ניט אָפּפערען פאַר איהר פאָטער? דארף זיא ניט געהן פרייוויליג צום טויט, אום צו רעטען איהר פאָטער, וועלכער קען ניט לעבען ווען ער וועט פאַלען? יהודית האָט געוואָלט אוריאל זאָל אָפּפערען זיין אידעע און זאָל תשובה טהאָן צוליעב זיין מוטער, זיינע ברידער און

צוליעב איהר. — יעצט מוז זיא זיך אליין אפּפערען פאר איהר פאטער. איך וויל עס איהם ערצעהלען, איך וויל ער זאל דערפון וויסען, פיליייכט וועט ער אנדערש האנדלען.

— דאס קען איך ניט ערלויבען. איך קען אייך צו איהם ניט צולאָזען! — האט רבי סאנטאס געענטפערט.

— אבער רבי, איך האב איהם צוגערעדט צו דיעזען שריט, איך האב איהם געוויזען דעם וועג צו זיין תשובה. עס וועט זיין אונעהרליך פון מיר, ווען איך וועל איהם ניט בעקאנט מאכען דיא ריכטיגע לאגע. דער אונגליקליכער איז פערפיהרט. לאָזט מיך צו איהם, ווען ניט לאזט מיך שרייבען צו איהם, אז זיין מוטער און זיין יהודית זיינען פערלאָרען.

— דאס קען איך ניט ערלויבען! האט סאנטאס גאנץ קאלט בלוטיג און האַרטנעקיג געענטפערט.

דיעזע יעזואיטישע מעטהאָדען האבען אויפגערעגט דעם דאָקטאָר, וועלכער האט אויסגעשריען:

— וואו שטעהט עס געשריעבען? איהר פערהינדערט אז א שטילער זיפץ זאל זיך ניט אריינדרינגען אין זיין הערץ?! זאל ער ניט וויסען פון יהודית אונגליק און מנשה׳ס ניעדערלאגע? איך וויל אייך יעצט זאגען, אז אקאסטא וויל תשובה טהאן נור אלס זאָהן וואס וויל רעטען זיין מוטער; אקאסטא וויל זיך ווארפען צו אייערע פים אום צו נעהמען יהודית אלס זיין קרוין. דיא אורזאכען פון זיין ווידוי האבען זיך יעצט געענדערט, דאס האב איך ערסט יעצט אויסגעפונען. עס איז זעהר אונעהרליך צו בעהאלטען פון איהם דעם צושטאנד פון זיין מוטער און דיא לאגע פון זיין געליעבטע.

— אונזער געשפרעך איז צו ענדע! — האט סאנטאס געענטפערט. — איך נעה זעהן דעם אלטען רב הכולל רבי עקיבא, און מיט איהם אלעס בעשפרעכען. איהר קענט קומען אין דריי טעג שפעטער, דאן וועט אקאָסטא פאָרגעפיהרט ווערן פאר דעם בית דין.

— איך נעה! האט דע סילווא אויסגערופען. אבער איך ווארען אייך פון דיזע טיראנייא. איהר דארפט בעסער בעהאנדלען דעם עלענדען אקאסטא. איך ווינש אייך, אז אייערע פאנאטישע מעשים זאלען זיך ענדיגען צום גוטען, און איהר זאָלט קיין מאל חרטה האבען אויף זיין חרמה!

ז.

דיא דריי טעג פון איינזאמקייט און פאסטען און תשובה זיינען אויף אוועק. אוריאל אקאסטא איז געהאלטען געווארען אין דיא געפענגנים, וואס האט געהערט צו דעם בית דין פון אמסטערדאם, וויא מען האלט א געפאנגענעם טיגער. קיין מענש איז צו איהם צוגעגאנגען. איין מאל אין טאג, האט מען איהם דערלאנגט ברויט מיט אש און וואסער. זיינע ברידער האבען פיעל מאל געבעטען מען זאל זיי לאזען צו איהם, אבער רבי סאנטאס האט זיין ווארט געהאלטען. זאגאר די בריעף וואס זיינען צו איהם געשיקט געווארען, האט ער ניט געזעהן.

אויפ'ן דריטען טאג האט זיך דער גאנצער בית דין פערזאמעלט אין דער געביידע אויף דעם שוהל הויף, וואו אלע דין תורות און אלע משפטים זיינען פער־האנדעלט געווארען.

רבי עקיבא דער רב הכולל און דער אב בית דין איז געזעסען אויבען אן, ביי א לאנגען טיש, וועלכער וואר בעדעקט מיט גרויסע ספרים און אלערליי פאפיערען. נעבען איהם זיינען געזעסען רבי סאנטאס, דאן דער סופר רב עמדען, און די שמשים פון דער קהילה. אייניגע למדנים און פערטרעטער פון דער געמיינדע זיינען געזעסען אויף לאנגע בענק און האבען געווארט אויף דער זעלטענער סצענע וואס דארף זיך באלד אבשפיעלען.

רב עקיבא, וואר איין אלטער נייצניג יעהריגער מאן, מיט א געבויגטען רוקען און ווייסע האאר וויא מילך. זיינע אויגען ווארען באלד בלינד, און זיינע הענד האבען געציטערט. ער האט גערעדט מיט אנשטרענגונג אבער מיט בעגייס־טערונג.

קיינער פון דיא אינגערע לייטע אין דעם בית דין שטיבעל האט געוואגט צו ריידען א ווארט איידער רב עקיבא האט זיי ערלויבט צו ריידען. דיא גאנצע צייט וואס רב עקיבא האט געקוקט אין א ספר זיינען אלע געוועזן שטיל.

ענדליך האט דער אלטער רב ארויסגענומען זיינע מאטע אויגען פון דער גמרא און האט זיך געווענדעט צום סופר מיט דער פראגע, אויב ער האט פערטיג דיא ותשובה, וועלכע דער פערשאלטענער דארף פארלעזען.

דער סופר האט איהם דערלאנגט א לאנגען שטיק פארמעט, וועלכען דער אלטער רב האט דורכגעקוקט מיט זיינע שוואכע אויגען.

ווען ער האט דורכגעלעזען דעם אינהאלט, האט ער געזאגט:

— פיהרט אריין דעם פערשאָלטענעם, רבתי, פיהרט איהם אריין. זייט ניט אזוי איבערראשט. הכל היה, אלעס איז שוין געווען, עס איז ניטאָ קיין נייעס אין דער וועלט. עס זיינען שוין געווען אכערליי אפיקורסים, נאָטעס לעסטערער און אנדערע פערברעכער. איהר יונגע מענשען איהר מיינט אז אלעס איז נייעס, הכל היה, האט אונזער חכם געזאגט און ער האט רעכט. גלויבט מיר, רבתי, אז אונזער תלמוד איז א ים אין וועלכען מען קען אלעס לעזען, עס איז ניטאָ קיין נייעס אין דער וועלט....

איידער דער אלטער רב האט געענדיגט זיין אנשפראכע האט זיך געעפענט דיא טהיר און אוריאל אקאסטא איז ערשיענען אויף דעם שוועל. הינטער איהם זיינען געשטאנען דיא שמשים, וואס האבען איהם געבראכט.

וויא א טויטער, וואס איז אויפגעשטאנען פון קבר, אזוי האט אקאסטא אויס־געזעהן, ווען מען האט איהם געבראכט פאר דיא רבנים. זיינע אויגען האבען ניט געקענט קוקען אויף דיא ליכטיגקייט פון טאג. זיינע לאָקען, וועלכע זיינען אימער געווען אין אָרדנונג, ווארען צרוואָרפען און זיינען געשטאנען וויא טשוועקעס אויף זיין קאָפּ. זיין הויכער, שלאנקער קערפער וואר געבויגען אין דרייען, און אלע זיינע קליידער, וועלכע ווארען צוריסען פון דער מאסע, זיינען געהאנגען אין שטיקער.

מיט שווערע טריט איז אקאסטא צוגעגאנגען צום טיש וואו דער בית דין איז געזעסען, און רבי סאנטאס האט אנגעזאגט דעם אלטען רב, אז דער פער־ברעכער שטעהט פאר איהם.

— אָה, דאס ביזטו, אקאסטא! — האט רבי עקיבא געזאגט און האט זיך גענייגט צום פילאָזאָף — זעצט אייך אקאָסטא, זעצט אייך. איך וויל מיט אייך רעדען. הכל היה, אלעס איז שוין געווען. זעהט איהר, מיין יונגער אוריאל אקאָסטא, עס גיעבען אימער צוויי וועגען פאר דעם וואס זינדיגט געגען גאָט, ווען ער האט חרטה. איין וועג איז א קורצער, אבער א שווערער, א הארטער וועג. דער צוויי־טער איז א לאנגער וועג, אבער א לייכטער. וועלכען וועג ווילט איהר נעהמען פאר אייער חרטה?

— איך וויל דעם קורצען וועג! — האט אקאסטא געענטפערט. — איהר קענט מיך טויטען אבער מאכט עס נור שנעל. איך וויל ניט בערעכענען וויא איך שטארב. איך וויל שטארבען האסטיג!

— וואס איילט איהר אזוי יונגער מאן? האט רב עקיבא נעפרעגט — דיא חרטה איז ניט פאר אונז. מיר דארפען זויא ניט האבען. זיא איז נור פאר דיר. ווארום ווילסטו עס מאכען אזוי שנעל? ווילסטו איך זאל זעהן וויא דוא האסט חרטה? נה, וואס דארף איך עס? ווען איך קען עס ניט זעהן. בלויז פיר גאט דארפסטו דיין חרטה, ניט פאר מיר און ניט פאר דיא רבנים!

— ווארום ווילט איהר מיך לעננער פייניגען! — האט אוריאל אקאסטא אויסגערופען.

— ניין, מיין קינד, ניין! איך וויל דיך ניט פייניגען. איך ווייס אויך אז דוא גלויבסט ניט אין פאסטען, גלויבסט ניט אין זאגען תהלים. הכל היה, עס ווארען שוין אזעלכע פילאזאפען, וויא דוא ביזט. איך פרעג דיך דארום צום לעצטען מאל, אויב דוא פיהלסט אין דיין הארצען, אז דוא האסט געלעסטערט גאט מיט דיין לעצטען ספר?

— יא! — האט רבי סאנטאס אויסגערופען — מיר ווילען דוא זאלסט אונז בעווייזען אין וואס דוא גלויבסט און אין וואס דוא גלויבסט ניט. מיר ווילען וויסען גענוי, וויא ביזטו געזאגען ביי דיין תשובה!

— וואס! — האט רב עקיבא נעזאגט מיט איבערראשונג.— וואס האב איך געהערט פון אייך רבי סאנטאס? — איהר פערלאנגט פון דעם קראנקען מאן, א זאך וואס איז אונמעגליך. וויא קען מען בעווייזען א גלויבען? זייט מוחל — רבי סאנטאס, מאנכעס מאל רעדט איהר אליין וויא איין אפיקורוס. בעווייזען קען מען דיא זאכע ווייל זיא שיינט. בעווייזען קען מען דעם פייער ווייל ער ברענט. בע־ווייזען איז דיא הערשאפט פון גאט, ווייל אזוי שטעהט אין אונזער תורה, אבער ניט רבי סאנטאס און ניט אקאסטא קענען עס בעווייזען. אייערע בעווייזע גלויב איך ניט, איך גלויב נור דיא בעשטעטיגונג פון אונזער תורה. וואס איך וויל הערע איז, אין וואס און אין וועמען גלויבט אוריאל אקאסטא.

— איך גלויב אז דיא תורה איז פול מיט געטליכע חכמה. איך גלויב אז מיין גייסט פיהרט מיך אראפ פון גלייכען וועג און אז איך בין ניט אימשטאנדע צו פערשטעהן דיא הייליגע שריפט. איך גלויב אין אלעס, וואס מען דארף גלויבען, און איך דאנק אייך פון טיעפען הארצען וואס איהר פערשפארט מיר דיא מיה איך זאל עס אייך בעווייזען.

— דיעזער וידוי אליין קלינגט מיט אפיקורסות! האט רבי סאנטאס אויס־געשריען.

— שטיל רבותי, שטיל! האט דער אלטער עקיבא איהם אונטערבראכען.—

איך זאג נאך א מאָל צו אוריאל אקאסטא, ער זאָל נעהמען דעם לאנגען וועג צו זיין תשובה. דיא לאנגע תשובה וועט דיר אקאסטא בריינגען פריעדען. וואס דוא צווייפעלסט מיין זוהן, איז ניט מעהר ווייל דוא ווילסט פארשען צו טיעף. אין דעם תלמוד ווארען שוין אזעלכע וויא דוא וואס זיינען אראפּ פון גלייכען וועג, ווייל זייא האבען געוואלט אלעס וויסען, אלעס פערשטעהן, און אלעס פארשען. הכל היה אלעס איז שוין געווען. עס איז אמאָל געווען א גרויסער אפיקורוס מיט דעם נאמען אלישה בן אבויה. ער איז געווען א תלמיד ביים איינעם פון אונזערע גרעסטע חכמים, און ער האָט געהאט א תלמיד, וועלכער וואר קיין אנדערער וויא רבי מאיר. אבער ווייל ער האט געצווייפעלט דארום האָט מען איהם פערשאָלטען. אלישה בן אבויה איז געווען וויא דוא אקאסטא, מען האט מורא געהאט צו ער־אינערען זיין נאמען, און מען האָט איהם גערופען א ח ר.— א ח ר מיינט איין אנ־דערער, ער איז געווארען איין אנדערער ניט דער זעלבער וואס איז פריהער געווען, און ווען ער איז געשטארבען איז פון זיין קבר ארויס א רויך, און דער רויך האָט געשטיגען ביז זיין תלמיד רבי מאיר האט תפילה געטהאן פאר זיין רבי'ן און דער קבר האט אויפגעהערט צו רויכערען. אזא א ח ר ביזט דוא אקאסטא הכל היה, אלעס איז געווען ניטא קיין נייעס אויף דער וועלט.

— וואָס מיינט איהר רבי איך האב געזוכט דעם כבוד צו זיין דער ערשטער און דער איינציגער ?— האט אקאסטא געפרעגט.— איך זאג אייך רבי, אז דער רויך, וואס איז געגאנגען פון אחר'ס קבר, איז געווען דעם פלאַם פון זיין גייסט, וועלכען איהר האט געטריעבען אין קבר. יא איך בין אייך מודה אז איך בין איין אנדערער, איך האב אנדערע געדאנקען און אויך איין אנדער ערקלעהרונג איבער דיעזער הגדה אין תלמוד. אויב איהר ווילט וויסען דעם טיעפען שכל פון תלמוד דאן הערט מיך אויס:— איין אחר האט ניעמאלס געלעבט, ניעמאלס עקסיסטירט א ח ר איז דאָס בילד פון א ריינעם דענקער. דעם נור אין איין אנדערן קען מען זעהן זיך אליין, און אין איין אנדערען קען מען פיהלען דיא גאנצע וואהרהייט. אין איין אנדערען קען איך ערסט לעהרנען דיא גרינדע פון מיין צווייפעל, יעדער דענ־קער מוז זיין אחר, ווייל נור דער צווייפעל איז דער יסוד פון אמונה. און זעהט איהר אז דער תלמוד איז פיעל קליענער פאר אייך. ער האט געגעבען א בילד פון איין אחר וועלכער האט גאר קיין מאָל ניט געלעבט. דיעזען אחר האט ער געגע־בען א גרויסען רב, און נאך א גרעסערן תלמיד אוןביידע ווארען פרום, ביידע ווארען הייליג, אחר האָט זייער אמונה ניט פערדאָרבען, נור פערקעהרט, ער האָט זיא פערשטארקט, ווייל נור פון ספק קומט ארויס דיא ריינסטע אמונה.

אוריאל אקאסטאס נייע ערקלעהרונג איבער אחר האט געמאכט ציטערן די רבנים. דער עלטערער רב עקיבא האט זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט און האט אויסגערופען:

— רבי סאנטאס, האט איהר געהערט! אחר האט גאר קיין מאל ניט געלעבט! א ווירקליבער מענש, א מענש וואס ווערט בעשריבען אין תלמוד, דער האט גאר ניט געלעבט, עס איז נור איין הגדה, א משל, איך זאג אייך, אז דיעזע מיינונג איז ווירקליך נייע, דאס האט נאך קיינער ניט געוואגט צו זאגען. פאר דעזער מיינונג דארף ער געוויס א תשובה. האט איהר פארטיג דיא תשובה.

— יא! — האט רבי סאנטאס געענטפערט — היער אויף דעם פארמעט, איז אויפגעשריבען אלעס וואס אקאסטא דארף פארלעזען אין שוהל פאר דעם גאנצען עולם.

— וואס? פאר דעם גאנצען פאלק? — האט אקאסטא אויסגערופען.

— צו ערסט מוזט איהר עס אליין לעזען, און זעהען אויב איהר שטימט דערמיט איין, דאן דארפט איהר עס פארלעזען פאר כל ישראל...... אך וואס האב איך געהערט, אחר איז גאר קיין מאל ניט געווען, זעהט איהר אקאסטא, איהר לעבט דאך, ווארום זאלט איהר ניט גלויבען, אז נאך איינער וויא איהר האט שוין אמאל געלעבט? — האט דער אלטער עקיבא געפרעגט.

— איהר האט רעכט רבי! — האט אקאסטא אויסגערופען. — איך לעב!

— זעהט איהר, דאן האט אחר אויך געלעבט. יא, מיין זוהן, ער, אחר האט געלעבט, און איהר לעבט און איהר דארפט תשובה טהאן, עס האבען פיעלע פהילאזאפען וויא איהר חרטה געהאט, פיעלע וואס האבען געצווייפעלט, האבען תשובה געטהאן. איהר זייט ניט דער ערשטער, הכל היה! אלעס איז שוין דא געווען יונגער אחר. לעז דורך דיא תשובה, און קום אין שוהל, אום זיא פארצולעזען עפענטליך, אויב דוא האסט ווירקליך חרטה.

מיט דיעזע ווערטער האט זיך רב עקיבא אויפגעהויבען און איז ארויס פון בית דין שטיבעל. דיא איבעריגע רבנים זיינען איהם נאכגעגאנגען, אין שוהל וואו מען האט אלעס פארבערייטעט פאר דעם גרוסען טריאומפה פאר אקאסטא'ס עפענטליכע בעקענונג, אז ער האט געזינדיגט און האט געלעסטערט דיא וואהרהייט אין זיין בוך.

אקאסטא איז געבליעבען אליין. זיינע אויגען ווארען פערזונקען אין דעם שטיק פארמעט, וועלכער האט דורכגעקוקט פון אלע זייטען.

ענדליך האָט ער זיך אויפגעהויבען פון טיש האט א קלאפּ געטהאָן איבער דעם פּאַרמעט און האט אויסגעשריען.

— אך דיא ערניעדערונג, דיא ערניעדערונג! פערוואונדעט איז מיין הערץ! בלוט טריפט פון מיינע וואונדען. קיין באלזאם וועט היילען דיעזע וואונדען, פון דער תשובה, פון דער חרטה וועלכע ערניעדעריגט מיך ביז צו דער ערד. ווען דיא צייט וועט אמאל היילען דיעזע וואונדען, דאך דיא קארבען, דיא צייכענס וועלכען בלייבען....... אין מיין געפּעננגיס האָט מיך דיעזע נאכט בעזוכט אַ חלום. מיר האָט געשיינט אז איך זעה מיין מוטער, וועלכע וויל מיך טרייסטען און בערוהיגען מיט איהר איז געווען דיא בילד שעהנע יהודית. איך האָב מיך אויפגעכאפּט און האָב געפונען דיא צווייא נאַסע שווארצע וועגד פון מיין קערקער, און עס איז מיר בעפאלען דער געפיהל פון גאליליא.... הא, גאלילייא, גאליליא! ווען דוא האסט בעדארפט אויפ'ן עשאפאט שווערען, אז דיא ערד ריהרט זיך ניט פון אָרט, ביזט דוא ארויסגעשפרונגען, גלייך, וויא מען וואלט דיר אָפּגעלאָזען אלע שרויפען, און דוא האסט אויסגעשריען דיין אונשטערבליכען ווארט: „און זיא בעוועגט זיך דאך" און דיעזער געשרייא „זיא בעוועגט זיך דאך!" הערט ניט אויף צו קלינגען אין מיינע אויערען. פון מינוט צו מינוט פאלט מיר אריין אין קאָפּ דיין געשרייא „און זיא בעוועגט זיך דאך!"

מיט א הערצייסענדען געשרייא איז אוריאל אקאסטא געפאלען אויף דעם שטיק פּארמעט און האָט זיך צו וויינט וויא א קליין קינד, און וועהרענד ער האט געוויינט און געכליפּעט, האָט זיך פון שוהל הויף געהערט דער פריהעריגער געזאנג פון דיא קליינע קינדער אין שוהל, וועלכע האָבען געזונגען א קאפּיטעל תהילים.

פלוצלונג האט זיך אויפגעריסען דיא טהיר פון בית דין שטיבעל און ראובן איז אריינגעלאפען א פערשוויצטער און א בלאסער, און האט געשריען:

— אוריאל! אוריאל!

אקאסטא האט זיך אויפגעכאפּט פון זיין געוויין און וויא ער האט דערזעהן זיין ברודער, איז ער איהם געלאפען ענטגעגען, און איז איהם געפאלען אויף זיין האלז.

— מען האט מיך צו דיר ניט געוואלט צו לאזען! — האט ראובן געזאגט.

— זייא האבען געוואלט רויבען פון ברודער דאס רעכט צו זעהען זיין ברודער. אוריאל איך קום צו דיר אין נאמען פון אונזער גאנצער משפחה. איך וויל דיר זאָגען, אז מיר פערלאנגען ניט פון דיר דוא זאָלסט נעהמען דיעזע תשובה. פון אונזערט וועגען דארפסט דוא דאס ניט טהאָן.

— איך וויל עס טהאן פאר מיין מוטער! — האט אוריאל געענטפערט.

— אה, דיא מוטער, זיא וועט מעהר ניט וויסען וואס דוא האסט פאר איהר געטהאן. איהרע אויגען האבען זיך דיעזע נאכט געשלאסען.

— דיא מוטער איז טויט? מיין מוטער איז טויט! טויט! געשטארבען! — האט אוריאל געשריען וויא א פערוואונדעטער לייב.

— איך האב דיר געשריעבען א בריף, אבער מען איהם דיר ניט דערלאנגט.

— האט ראובן ערצעהלט. ערסט יעצט איז מיר געלונגען צו קומען צו דיר, יא ברודער אונזער מוטער איז אוועק פון דער וועלט, וואו דער חרם אויף איהר זוהן קען איהר שאדען.

— אה זיא איז טויט! — האט אוריאל געקלאגט. — און דאך אין דיעזען אונגליק זעה איך א קליינע טרייסט, א שמייכעל פון גליק, דערוועיזט זיך דורך דיעזע טרעהרען. איך דארף מיך פרעהען, וואס מיין מוטער האט געשלאסען איהרע אויגען מיט דעם גלויבען אז איהר זוהן האט חרטה פון זיינע זינד, און זיא איז געשטארבען, איידער איך בין אויסגעשטאנען דיעזע גרויסע שמערצען, פון דער חרטה.

— דוא דארפסט ניט מעהר זוכען דעם שלום מיט דיא רבנים צוליעב אונז!

— האט ראובן געזאגט. מיר האבען בעשלאסען איבער צו געהן אין איין אנדער שטאדט.

— דאס איז אונמעגליך! — האט אוריאל געענטפערט. — איך קען ניט אויפגעבען דיעזען וועג. מיין הערץ וואר צוטהיילט אין צוויי טהייל, איינס האט געהערט צו מיין מוטער און דיא צווייטע צו מיין יהודית. מיין מוטער האט מיר צוריקגעגעבען איין האלבע הארץ דיא אנדערע געהערט אבער צו יהודית. לאז מיך ברודער דיא ליעבע צו יהודית רופט מיך אין שוהל.

— אויך יהודית איז פאר דיר פערלארען! — האט ראובן אויסגערופען, — אומזיסט ביזט דוא פאר איהר מקריב דיינע אידעען.

— שטיל! — האט אקאסטא אויסגעשריען מיט א דונער שטימע. — שטיל, ווילסט דוא אין גאנצען דורכלעכערן מיין ברוסט! ווילסט דוא מיר פערשאפען אזעלכע שמערצען וואס דער בית דין האט ניט געוואגט, רייד קיין ווארט וועגען יהודית. זאג מיר ניט אז דיא זאגע הערט אויף צו לייכטען. איך וויל ניט הערען, איך וויל ניט גלויבען, איך לויף וואס שנעלער אין שוהל, איך וועל זאגען דיא רבנים אז איך בין פערטיג.

און מיט דיזע ווערטער האט ער זיך אויסגעריסען פון זיין ברודער און איז האסטיג אנטלאפען דורך דער טהיר, איידער ראובן האט צייט געהאט צו ערקלע־רען איהם וואס מיט מנשה וואנדערשטראמען איז געשעהן.

8.

דיא גרעסטע טהייל פון אמסטערדאם איז געווען געפאקט. מענער און פרויען האבען זיך פערזאמעלט זעהן און הערען, וויא דער יונגער אוריאל אקאסטא, וועט עפענטליך חרטה האבען אויף זיינע זינד און וועט בעטען דיא רבנים זייא זאלען ארונטערנעהמען דעם חרם פון זיין קאפ.

דיא ליכט אין דעם גרויסען הענגלייכטער און פאר דעם עמוד האבען גע־ברענט אבוואהל עס וואר אין מיטען טאג. אויף דער בימה איז געשטאנען דער שמש פון דער שוהל און זיינע בעהעלפער. אויף דער פלאטפארמע פאר דעם ארון הקודש איז געזעסען רבי עקיבא, רבי סאנטאס און רבי עמדען, און בייא זייערע פיס זיינען געזעסען דיא שמשים פון בית דין.

ביי'ן עמוד איז געשטאנען דער חזן מיט אלע זיינע זינגער און האבען געזונגען קאפיטלאך פון תהילים. א הייליגע געטליכע מורא איז געלעגען אויף דעם גאנצען עולם. עס האט אויסגעזעהן וויא א יום הדין פאר דער גרויסער אידישער געמיינדע פון אמסטערדאם, וועלכע איז בעשטאנען פון פיעלע אנטלאפענע פון דער שפא־נישער אינקוויזיציאן.

די פירכטערליכע שטיקקייט איז פלוצלונג אונטערבראכען געווארען. די טהיר אין מערב זייט פון שוהל האט זיך האסטיג געעפענט און אוריאל אקאסטא מיט דעם שטיק פארמעט אין האנד, איז אריינגעלאפען אין שוהל.

אזוי שנעל וויא אוריאל אקאסטא האט זיך בעוויזען אין טהיר האבען אלע גענומען ציטערן און ריהרען זיך פון ארט. דיא וואס זיינען געשטאנען אין זיין וועג האבען מורא געהאט ער זאל זייא ניט אנריהרען מיט זיינע פערשאלטענע הענד, אדער פערשאלטענע קליידער. דער גאנצער עולם האט געגלויבט אז ווען אוריאל אקאסטא ריהרט אן, דער ווערט פערשאלטען וויא ער אליין. דיא וואס זיינען גע־שטאנען וויים פון זיין וועג האבען אויסגעצויגען זייערע העלזער אום אנצוקוקען דיא געזיכט פון דיזען בעריהמטען דענקער וועלכען דער טייפעל האט געכאפט אין זיין נעטץ און האט אראפגעפיהרט פון גלייבען וועג.

יעדער האט געוואוסט אז איין ריהרענדע סצענע דארף זיך באלד אָפּשפּיע־לען. דער פֿהילאזאף וועט עפֿענטליך אָפּלייקענען זיין אייגענע לעהרע, דאן וועט אוריאל אקאסטא נעהמען נזיפה. ער וועט זיך זעצען ביי'ן שוועל פון שוהל, יעדער זאל אויף איהם טרעטען, יעדער וועט אויף איהם שפּייען. ווען ער וועט אויסהאל־טען דיזע פּראָבע, און וועט בעהאנדעלט ווערען וויא דער ערגסטער אונטער אידען, וועלען דיא רבנים איהם אריינרופען אין שוהל, וועלען ארונטערנעהמען פון איהם דיא קללה און ער וועט ווערען וויא אַלע אידען פון אמסטערדאם.

אוריאל אקאסטא האָט געווארפען א בליק אויף דעם גאנצען פּובליקום, אָבער ער האט קיינעם ניט געזעהן. זיינע אויגען וואָרען פערצויגען מיט א וואלקען און דיא גאנצע וועלט האט זיך ארום איהם געדרייט.

באלד וויא ער איז ערשיענען אין שוהל איז זיין ברודער ראובן אויף אָנגעקר־מען. ראובן האָט איהם געזאגט אום איהם צו ערצעהלען אז יהודית. ווערט פער־הייראט מיט בן יחאי, אום איהם צו בעטען ער זאל זיך אומקעהרען פון דיזער שווערער וועג. אָבער אוריאל איז געלאָפען צו שנעל און וואר צו שטאַרק אויפגע־רעגט אום צו קענען הערען וואס ראובן וויל איהם זאָגען.

ביי דיא טרעפּ וואס האבען געפיהרט צום ארון הקודש, דאָרט וואו דיא רבנים זיינען געזעסען האט ראובן אָנגעיאגט זיין ברודער און האט איהם געכאפּט פאר'ן האנד.

— אוריאל! — האט ער צו איהם געזאגט אין דער שטיל. — אוריאל, הער מיך אויס, יהודית....

אָבער אוריאל האט איהם ניט געלאזט ענדיגען, און האָט מעהר ניט גע־וואלט הערען, וואָס ער האט צו זאָגען. אזוי שנעל וויא ער האט דערהערט יהודית' נאָמען האט ער זיך פון איהם ארויסגעריסען, האט גענומען געהן האסטיגער צום ארון הקודש און האט דערביי אויסגערופען:

— אַה, דוא ערזאינערסט דעם נאמען, וועלכער איז דער רודער פון מיין שיק־זאל. יעצט מוז מיין פוס האָבען קראַמפּט. איך קען ניט זיין דער מארטירער וואָס שטאַרבט פאר דער וואהרהייט, איך געה צום בלוטיגען טויט פון שאנדע...

און מיט דיזע ווערטער איז ער ארויפגעלאָפען אויף דיא טרעפּ און האט זיך געשטעלט געגען דיא רבנים.

— היער בין איך! — האט ער אויסגערופען. — היער בין איך צו טהאָן אלעס וואס איהר וועט מיר היימען.

— ביזט דוא בערייט תשובה צו האבען אויף אלע דייגע זינד? — האָט רבי

סאנטאס איהם נעפרעגט.— אוריאל האָסט דוא געפרעגט דיין הארץ, און מהוסט דוא וויא זיא הייסט דיר טהאָן ?

— איך בין בערייט ארויפצונעהמען פאר זיך יעדע תשובה. איך האָב בעשלאָסען הרטה צו האבען.

— דאן לעז פאָר דעם אינהאלט פון דיעזען פארמעט. דוא מוזט אבער זאָגען פון הארצען, אלעס וואס דיין מויל וועט אויסשפּרעכען.

— איך וועל עס פארלעזען ! — האט אוריאל געענטפערט.

רבי סאנטאס האָט יעצט געגעבען א ציכען צום שמש וועלכער האָט דרייא מאָל אָנגעקלאַפּט אין טיש. דיא גאנצע געמיינדע האָט זיך אויפגעשטעלט, א טויטע שטיקקייט איז ווידער געפאלען אין גאנצען טעמפעל. עס האט אויסגעזעהן וויא אויף א בית עולם, וואו א קבר דארף זיך לאזען הערען.

אוריאל האט צונומען דעם פּארמעט, וואס ער האט געהאלטען אין האנד און מיט א שוואכער שטימע און ציטערענדיג וויא א בלאט אין ווינד האָט ער אנגעפאנגען צו לעזען :

„איך אוריאל אקאסטא, א געבאָרענער אין פארטוגאל און א איד אין מיין גלויבען, בין היער מודה פאר גאט אז איך בין ניט ווערט זיין גנאדיגקייט. ווען איך בין געוועזן א קינד בין איך געוועזן א קריסט מיט דעם מויל אבער ניט מיט דעם הארצען. שפּעטער האב איך אנגענומען דעם אידישען גלויבען, בלויז צום שיין. אין דער ווירקליכקייט בין איך געוועזן ניט קיין איד און ניט קיין קריסט. איך האב געהאסט ביידע רעליגיאנען בעזאָנדערס אבער האב איך געהאסט מיין פאלק. איך האב געלעסטערט אלעס וואס אידען איז הייליג. איך האב געזוכט צו טהאָן אלעס וואס דיא תורה פערוועהרט. וואו איך האב ניט געקענט לייקענען די תורה מיט פערשטאנד און בעווייזע האב איך בענוצט מיט וויטצען און מיט שפּאט אום פון איהר צו לאכען, און איך האב געשריעבען א בוך פול מיט רשעות און אפיקורסות. אָה פערשאָלטען זאל זיין דיא האנד, וואס האט דיעזען בוך געשריבען דיעזע האנד וואר פעהיג צו ערמארדען דיא איינענע מוטער. דיא פעדער וואס האט געשריעבען דיא ליגענס געגען דער תורה וואר געטונקט אין בלוט, אלעס וואס איך האָב גערופען חכמה איז ליגען און דומחייט. אלעס וואס איך האב ארויסגעגעבען פאר וואהרהייט איז פאלש און ניערדערעכטיג. איך בין קיין מאל ניט געוועזן איבערציינט אין מיינע מיינונגען. איך האב אליין ניט געגלויבט אין מיינע שריפטען. איך האב געפעלשט דיא

טיינונגען פון דער תורה אום צו קענען פון איהר לאבען. איך האב פער־דרעהט דיא ווערטער פון דיא נביאים אום צו קענען פלוידערן אין מיין ווערק און ארויסגעבען זיך אלס קריטיקער. ליגנען...... אלעס וואס איך האב געשריעבען איז ליגען...... יעצט פיהל איך מיך אזוי זינדיג, און אזוי געזונקען, דאס איך בין מודה אז אייער חרם איז א גערעכטער, און אז איך פערדין דיא שטיינער, וואס ווערען אויף מיר געווארפען אין דיא גאסען. איך בין דיא אלע זאכען מודה און איך בעט א מחילה אויף דיעזע זינד, איך וויל אפקומען פאר מיינע זינד, אום מען זאל פון מיר אראפנעהמען דעם חרם. און אום צו בעווייזען אייך מיין חרטה, אום צו ווערען אונטערטהעניג, און אום אפצוקומען פאר מיינע זינד אויף דיעזע וועלט, זא וועל איך מיך לענגען ביים שוועל פון דיעזען טעמפעל, אלס בעל תשובה, איך וועל אננעמען די נזיפה, יעדער איינער פון אייך זאל פאריבער געהן און זאל מיך טראמפ־לען מיט זיינע פיס......

מעהר האבען איהם זיינע כחות נים נעדינט. דאס ער האט דא פארגעלעזען, וואס ער האט דא געזאגט, האט צוזאמענגעקוועטשט זיין הארץ, און ער איז גע־פאלען אויף דיא טרעפ אין האלבען אונמאכט.

אלע וואס וואדען אין טעמפעל ווארען וויא געליימט. קיינער האט נים גע־וואגט א הוסט צו טאהן. יעדער האט געשווידערט פון די פייערדיגע ווערטער וואס זיינען ארויס פון אקאסטאס מויל.

ראובן וועלכער האט צוגעהערט יעדען ווארט האט פארביסען זיינע ליפען און האט פערקוועטשט זיינע קולאקעס, אבער ער האט אויך מורא געהאט ארויס־צולאזען זיין אטהעם.

נור איינער איז געבליעבען הארטהערציג וויא א שטיין. דיעזער איינער ווער רבי סאנטאס, דער גרעסטער פאנאטיקער פון האלאנד.

אזוי שנעל וויא אוריאל איז געפאלען, האט זיך רבי סאנטאס אויפגעהויבען און האט געזאגט צום פובליקום:

— דאס איז דיא ערסטע ערקלעהרונג פון דעם פערברעכערס חרטה. דאס איז דיא וידוי וואס איז ארויס פון זיין מויל. יעצט מוז ער נעהמען נזיפה, ער מוז בעווייזען, אז ער איז ווירקליך בערייט צו לאזען זיך פייניגען בעליידיגען פאר זיינע זינד.

— שמשים!—האט דיזער רב ווידער אויסגערופען. נעהמט דיזען זינדער, זעצט איהם ביי'ם טהיר פון טעמפעל, און דער גאנצער פאלק זאל איהם פאראיבערגעהן.

ווער עס וויל זאל אויף איהם שפייען, און ווער עס וויל זאל איהם טרעטען מיט דיא פיס. ווען אוריאל אקאסטא וועט אויפנעמען דיעזע בעהאנדלונג און וועט זיך נאכ־דעם שטעלען ביים ארון קודש און וועט זאגען, אז ער וויל דאך געהערען צו אידען און ער האט חרטה אויף זיינע זינד, דאן וועט דער בית דין אראבנעהמען דעם חרם פון זיין קאפ און ער וועט ווערען, וויא מיר אלע. וועט ער זיך אבער אויפהויבען פון דער ערד און ער וועט פראטעסטירען געגען דיא בעהאנדלונג, דאן וועט עס זיין א בעוויז, אז זיין הארץ איז נאך ניט איבערגעגעבען צו גאט, און דער חרם וועט אויף איהם בלייבען רוהען. יעצט, שמשים, טהוט אייער פפליכט!

— מיין גאט! — האט ראובן אויסגעשריען. — גיב קרעפטען מיין ברודער און גיב מיר קרעפטען איך זאל עס איבערטראגען. איך פיהל אז איך בין פעהיג צו בע־געהן א מארד געגען דיעזע באנדיטען.

קיינער האט זיך אבער וועגען איהם ניט געקימערט. דיא שמשים זיינען אראפ פון דער בימה, האבען אויפגעהויבען אוריאל אקאסטא פון דער ערד און האבען איהם צוגעטראגען צום טהיר פון טעמפעל. דארט האבען זייא איהם אוועק־געזעצט בייא דעם כיור, וואש־קאן, און האבען געגעבען א צייכען צום פאלק, ער זאל פערבייא געהן דעם בעל תשובה.

א פראצעסיאן האט זיך אנגעפאנגען איינער נאך איינעם, וויא אויסמוס־טירטע סאלדאטען פון א רעגימענט זיינען די אמסטערדאמער פאראיבערגעגאנגען דעם ארט וואו אקאסטא איז געלעגען. יעדער ווען ער איז פערבייא געגאנגען האט אויף איהם געשפייט, און האט איהם געבריקעט מיט זיין פוס. דער גוט הערציגער מענש האט עס געטהאן שוואך און מיט מיטלייד, דער שלעכטער דער פערקאכטער האט געזוכט אז זיין קלאפ זאל וועה טאן און זאל לאזען א צייכען אויף דעם אונ־גליקליכען. אוריאל האט דאס אלעס צוגענומען וויא איין אמת'ער מארטירער.

אין א ווינקעל, ניט ווייט פון דעם אונגליקליכען איז געשטאנען דאקטאר דע סילווא און מיט טרעהרען אין דיא אויגען האט ער צוגעזעהן וויא דער געלעהרטער, דער דענקער, דער שרייבער ליעגט אין שטויב, און דאס פאלק טראמפעלט איבער איהם אהן רחמנות. פלוצלונג האט דע סילווא בעמערקט צווישען דעם פובליקום, וואס געהט שלאגען דעם אונגליקליכען געפינט זיך בן יחאי, וועלכער געהט מיט פערקריצטע ציין און מיט דעם בעשלוס ארויפצוטרעטען אויף אקאסטאס קערפער. אזוי פיעל האט שוין דע סילווא ניט געקענט איבערטראגען. ער איז צוגעלאפען צו בן יחאי האט איהם גענומען ביי'ן האנד און האט צו איהם געזאגט:

— וואס ווילט איהר טהאן בן יחאי? אה, שעהמט אייך! האט דאס גליק אייך אראפגעבראכט פון זינען?

— זעהט איהר דארט? — האט בן יחאי אויסגערופען און האט אנגעוויזען צום ארט וואו אוריאל איז געלעגען. — זעהט איהר דארט דעם שטאלצען מאן, וויא ער ליעגט אין שטויב! אה, דארט אין שטויב זאל ער הערען אז ער האט זיך גע־נארט אין זיין רעכנונג. זאל ער הערען אז אלע זיינע יעצטיגע צרות זיינען אומ־זיסט. יהודית איז מיינע, און קיין תשובה קיין חרטה וועט איהם ניט העלפען.

מיט דיעזע רייד, אזוי וויא א בעטרונקענער פון גליק איז ער אוועקגעלאפען צום ארט וואו אוריאל איז געלעגען. דע סילווא איז איהם נאכגעלאפען און האט איהם פרובירט צוריק האלטען, אבער ער האט עס ניט געקענט.

באלד איז בן יחאי געווען אויף דעם ארט וואו אוריאל איז געלעגען, און וויא א בייזער הונד, וויא א ווילדע חיה איז ער צוגעלאפען צום געפלאגטען און גע־שלאגענעם און האט איהם א בריק געטהאן, מיט זיין פוס אין שטערן.

אוריאל האט זיך א כאפ געטהאן פון ארט און האט א שפרונג געטהאן אין דער הויך.

— ווער ביזט דוא שד, ווער ביזט דוא אכזר, ווארום האסט דוא מיר אזוי אונערבארעמליך געשלאגען! — האט ער געשריען און האט פון שמערץ און אויפ־רעגונג ניט ערקענט זיין שונא.

אין דיעזען מאמענט האט אוריאל אויסגעזעהן אזוי ווילד, אזוי אויפגערעגט, דאס אלע ארום איהם זיינען פערציטערט געווארען און האבען זיך אפגערוקט צו־ריק. אבער בן יחאי וועלכער וואר בעטרונקען מיט זיין זיעג אין זיין נקמה, איז גע־שטאנען מוטהיג נעגען איהם און האט מיט א ברייטען געלעכטער געענטפערט.

— דאס בין איך דיין פריינד בן יחאי! דאס בין איך דער רייכער מאן, דער חתן פון דיין געליעבטע, וועלכע דוא האסט געלערנט, אז געלד איז שטויב און ווינד, דער עיקר איז פהילאזאפיע! דוא אוריאל האסט פון מיר אפגעריסען דיא הארץ פון מיין כלה. און אבוואהל זיא וועט זיין מיין ווייב, דאך וועט זיא מיר שוין קיין מאל ניט ליעבען. דערפאר וויל איך פון דיר דיא ראכע, דער פאר שפייא איך אויף דיר און דערפאר טראמפעל איך אויף דיין קאפ.

— דאס ביזט דוא בן יחאי, ! — האט אוריאל אויסגעשריען — און האט פאר ביטערניס און כעס גענומען רייסען דיא האאר פון זיין קאפ. דוא האסט מיך געטראטען מיט דיא פיס! דוא האסט מיך בעשימפפט. נו, דיא מאס איז פול, דיא ליידען זיינען איבער דיא גרענעצען מעהר קען איך ניט! ווייבט אלע

פון מיר!— האט ער גענומען דאנערען און ברומען.— ווייבס! וויל איך וועל ער-
מארדען יעדען וואס וועט מיך בעריהרען.

און מיט גרויס שרעק האבען אלע גענומען ווײטער ווייבען פון דעם אויפגע-
רעגטען.

— וואו זיינען זייא דיא רבנים!— האט אקאסטא גענומען שרייען נאך
שטארקער און האט זיך געלאזט לויפען צום ארון הקודש, וואו דיא רבנים זיינען
געזעסען.— וואו זיינען זייא דיא הייליגע פערטרעטער פון גאטט, ווארום האבען
זייא פון מיר בעהאלטען דיא וואהרהייט? ווארום האבען זייא ערלויבט מיין שונא
ער זאל נעהמען ראכע פאר דיא ליעבע פון דער שעהנער יהודית וועלכע געהערט
צו מיר!

און אזוי שרייענדיג איז ער געבליעבען שטעהן נעגען רבי סאנטאס, וועלכער
האט זיך צוגעקוקט צו דיא וואונדען אין אוריאלס געזיכט, צו דיא טראנטעס
אויף זיין לייב, און צו דעם שוים געמישט מיט בלוט, וואס האט געפלייצט פון זיין
מויל.

— אה אוריאל!— האט רבי סאנטאס געענטפערט.— אויב איהר האט
תשובה געטהאן, און איהר האט אויף זיך גענומען דיא נזיפה נור אום צו קענען גע-
ווינען יהודית וואנדערשטראטען, דאן האט איך נאט שוין אין פאראויס בעשי-
טראפט, וויל יהודית קען אייערע ניט זיין, זיא וועט ווערען דיא פרוי פון אייער
שונא בן יחאי!

— האב איך עס ריכטיג געהערט?— האט אוריאל געפרעגט וויא א חלום
און האט זיך אנגעכאפט אן דיא לייכטער בײַן ארון הקודש.

— דאס איז ריכטיג!

אבער אוריאל האט ניט בעגריפען און האט ניט געגלויבט דעם אנטווארט.
פון דעם גרויסען שטורם מיט וועלכען ער איז געקומען צום ארון הקודש, איז ער
געזונקען אין א שטילען קאמפף, זיין הארץ האט זיך גענומען הויבען, זיינע אויגען
האבען זיך איבער געקעהרט, און ער האט געאטהעמט און געאטהעמט.

ענדליך איז ער געפאלען אויף דעם זייל בײַן ארון הקודש און האט גענומען
וויינען וויא א קינד.

— איך האב זיך גענומען דעם טויט, צוליעב צווייא טויטע קערפער!— האט
ער געבליפעט.— איך האב דאס אלעס געטהאן פאר מיין מוטער וועלכע לעבט
ניט מעהר און פאר מיין יהודית, וועלכע ליעבט ניט מעהר!

— מאכט איין ענדע!— האט רבי סאנטאס אויסגערופען מיט אונגעדולד,

אייער תשובה איז נאך נים אין גאנצען און דער חרם איז נאך נים אראפ פון אייער קאפ. מיר פערלאנגען צו הערען פון אייך נאך א מאל אויב איהר האם חרטה אויף אייערע זינד, און אויב איהר זיים נאך אלץ מודה אז איהר האם גע־שריבען ליגען.

— געשריבען ליגען! — האט אוריאל אויסגעשריען מיט אלע קרעפטען און האט א שפרונג געטהאן אין דער הויך — הערט מיך אויס רבותי, און זיא בעוועגט זיך דאך! ארונטער מיט דיא שטיינער אויף מיין ברוסט. מיין צונג וועט פרייא! דוא געבונדענער שכל רייס זיך ארויס מיט דיא כחות פון א שמשון הגבור, איך רייס ארויס דיא זיילען פון אייער פאנאטיזמוס, איך צודריק און פערניכטע דעם ליגענן צום לעצטען מאל זאג איך אייך דא פרייא אפען. איהר זאלט אלע וויסען, אז אלעס וואס אוריאל אקאסטא האט געשריבען איז אמת, און אלעס וואס איך האב פריהער פארגעלעזען פון דעם פארמעט איז ליגען!....

קוים זיינען דיעזע ווערטער ארויס פון זיין מויל אזוי האט רבי סאנטאס א שפרונג געטהאן פון ארט, און דיא גאנצע געמיינדע האט אויסגעשריען:

— נעהמט איהם אוועק פערוואַרפט איהם מיט שטיינער! ער איז חרם! ער איז חרם! ער איז א שטן!

— יא, איך בין א טייפעל אויב איהר זייט מענשען! — האט אקאסטא אויסגעשריען. — אבער איהר זאלט וויסען, אז איך גלויב אין דעם אידישען גאטט, אין דעם גאט וואס צוטרעט זיינע פיינדע וויא שטויב, אין דעם גאט וואס בע־צאהלט פאר א זינד בייא דעם דריטען דור! איך וועל דינען דעם אל קנא ונוקם!..

און מיט דיעזען געשרייא האט ער זיך געלאזט לויפען פון טעמפעל אלע האבען איהם אויסגעוויכט דעם וועג קיינער האט נים געוואגט צו בעריהרען דעם חרם'ניק.

אוריאל האט א האק געטהאן דיא טהיר פון טעמפעל הינטער זיך, און מיט צו־וואָרפענע האאר, צופליקטע קליידער איז ער געלאפען דורך דיא גאסען פון אמסטערדאם.

אין טעמפעל איז א ווייל געווארען שטיל, דאָקטאר דע סילווא איז גע־שטאנען מיט איין אראפגעלאזענעם קאפ און האט זיך פארגעוואָרפען, ווארום ער האט צוזאמען געפיהרט זיין תלמיד אוריאל מיט דיא רבנים. רבי סאנטאס איז גע־זעסען און האט געקוקט דעם עולם גלייך אין געזיכט, וועהרענד רבי עקיבא האט

געמורמעלט צו זיך, חכל היה! אלעס איז שוין דאָ געווען, עס גיבט קיין נייעס אין דער וועלט!

יא רבי עקיבא, אלעס איז שוין דאָ געווען, אזא סצענע איז געווען אונטער קאַרדענאלען מיט גאליליא און אזא סצענע איז געווען אונטער רבנים מיט אוריאל אקאסטא.

8.

וויא א פערוואונדעטער הירש וואס אנטלויפט פון זיינע יעגער, אזוי איז אוריאל אקאסטא געלאָפען פון שוהל הויף דורך דיא גאסען פון אמסטערדאם. מענשען האָבען געזעהן וויא ער פליהט מיט צוריסענע קליידער, א צובלוטיגטע געזיכט און מאכט מיט דיא הענד, און רעדט צו זיך אליין, און זייא האָבען געזאָגט א נייער משוגע'נער אין אמסטעטדאם. דיא וואס האָבען איהם ערקענט, האָבען בעמערקט אז דער חרם איז דיא שרעקליכסטע זאך אין דער וועלט. עס ברענגט א מענשען פון זינען, ווייל אלע שדים און רוחות קלייבען זיך אין איהם אריין. מאנכע האָבען אויף איהם א וואָרף געטהאָן א שטיין, און מאנכע האָבען געזיפצעט אויף דעם אונגליקליכען, וואס איז אוועק פון גלייכען וועג.

אזוי איז ער געלאָפען ביז ער איז געקומען צו זיין שוועסטערס הויז.

זיין שוועסטער וואר נים דער היים, זיא איז אוועק צו דער לויה פון איהר מוטער, נור דער קליינער ברוך שפינאָזא האָט זיך געשפיעלט אין הויף מיט בלומען און מיט גראָז.

אוריאל איז געפאלען ביי'ן טהיר פון זיין שוועסטערס הויז וויא אין אונמאכט.

— וואס איז מיט אייך געשעהן, אָנקעל! — האָט דער קליינער ברוך אויסגערופען און האָט פערבראָכען זיינע צארטע הענטעלעך? האָט איהר געהאט א שטרייט? האָט איהר זיך געשלאָגען? וועה, ווער האָט אייך פערבלוטיגט, ווער האָט צוריסען אייערע קליידער.

— זייא.... האָט אקאסטא געמורמעלט.... זייא די פרומע, די געטליבע... זייא וועלכע לעהרנען טאג און נאכט דיא תורה וואס לעהרענט מענשליכקייט און גוטהערציגקייט.

— וואהרשיינליך פערשטעהען זייא נים וואס זייא לעהרנען! — האָט דער

געבאָרענער דענקער בעמערקט און האָט זיך געזעצט בייא זיין אנקעל און האָט גע־ווישט דיא בלוט פון זיין געזיכט.

— געוויס פערשטעהן זייא ניט וואס זייא לעהרנען! — האָט אקאָסטא אויס־געשריען מיט פייער. — ווען זייא וואלטען פערשטאנען וואלט זייער הארץ געוועזן אנדערש; זייער גלויבען וואלט געוועזן ריינער, זייער ליעבע שטארקער. זייא וואל־טען זיך ניט פערפאָלגט ווארום איך שטים ניט מיט זייערע אידעען.

— עס מוז זיין שלעכט צו לעהרנען א בוך און איהם ניט פערשטעהן! — האָט ברוך שפינאָזא געזאגט — עס איז א רחמנות אויף דיא לייטע.

— יא, עס איז אויף זיי א רחמנות! — האָט אקאָסטא געזאגט מיט א זיפץ. נאך אלע קלעפ וואס זייא האבען מיר געגעבען, נאך אלע יסורים וואס זייא האָבען מיר אויסגעטהיילט האָב איך אויף זיי רחמנות. ווען איך וואָלט געקענט נעהמען ראַכע פאר מיינע יסורים וואלט איך עס אויך ניט געטאָהן, וויל זיי ווייסען דאָך ניט וואס זיי טהוען.

— איך רעכען, אז דער מיטלייד מיט זיי איז צוויי מאָל גרויס. וויל ניט גענוג וואס זייא פערשטעהען ניט דיא תורה, ווייסען זייא ניט אז זייא פערשטעהען ניט! — האָט שפינאזא געזאגט — זיי האבען זיך געמווט מאכען א אידעע און דענקען, אז זיי זיינען גערעכט און אלע אַנדערע זיינען אונגערעכט.

— דוא האסט מיין קינד ריכטיג בעגריפען דיא לאגע! — האָט אקאָסטא געזאגט און האָט אַנגענומען דיא לאָקען פון שעהנעם קינד. — אזוי איז דאָס. זיי ווייסען ניט אז זיי ווייסען ניט.

— אָנקעל! — האָט שפינאזא אויסגערופען. — איז דא א וועג וויא אויסצר־געפינען דיא ריכטיגע מיינונג אין דער תורה?

— געוויס, מיין קינד?

— און וויא?

— איינפאך, מען זאל זיא לערנען מיט אָפענע אויגען, אָהן פאראורטהיילע, אָהן אבערגלויבען. מען זאל זעהן אז זיין בעדייטונג זאל שטימען מיט דער וויסענשאפט. עס איז ניט צו גלויבען אז גאָט האָט געזאגט זאכען וואס שטימען ניט מיט דיא פאקטען פון דער וויסענשאפט. ווען מיר געפינען אזא ווידערשפרעך אין דער תורה דארפען מיר אזוי לאנג פאָרשען ביז מיר קומען צו א וועג וואס פעראיינינט תורה מיט חכמה.

— איך וועל לערנען דיא תורה אזוי וויא איהר ערקלעהרט! - האָט ברוך

שפינאזא אויסגערופען — איך וועל אין איהר זוכען דיא וואהרהייט, און וועל נאכ־דעם ארויסגעבען דעם אמת פאר אונזער פאלק, און דאן וועלען זייא זעהן, אנקעל, אז זיי האבען אייך ניט בעדארפט שלאגען, אז שלאגען איז ניט אידיש.

— מיין קינד! האט אקאסטא אויסגעשריען און האט זיך אויפגעכאפט פון ארט — וויא נאט איז דיר ליעב, טהו עס ניט! זעהסטו דיין אנקעל! זעהסטו מיינע וואונדען? דאס אלעס קומט מיר פון וועלען לערנען דיא תורה ניט נאך דעם אלטען שטייגער. עס איז גענוג פאר אונזער פאמיליע צו האבען איין אוריאל אקאסטא, מיר דארפען ניט זוכען א צווייטען קרבן!

— איך וויל אבער זיין א ברוך שפינאזא! — האט דאס קינד אויסגערופען. איך וויל אויך זאגען דעם אמת, ווייל מיין מוטער האט מיך געלערנט, אז דער אמת איז גרעסער פון אלעס. נון, איהר זאגט, אידען וועלען מיך שלאגען? דאס וועלען זייא ניט קענען טהאן. ערשטענס זעהען זיי דאך אז זיי האבען גאר נישט אויסגע־פיהרט מיט זייערע געשלעגען. צווייטענס דענק איך אנקעל, אז איהר זייט קלוג, קלוג און דאך ניט קלוג. וואצו דארפט איהר קומען צו דיא אידען מיט אייער לעהרע אין איין ארט וואו זייא קענען אייך שלאגען? ווען איך וועל זיין גרויס, וועל איך זיי זאגען דעם אמת פון וויטען.

— זיי וועלען דיך אויך מחרים זיין!

— א חרם נילט נור ווען מען איז צווישען דיא וואס גלויבען אין חרם. ווען מען וועט מיך מחרים זיין אין האלאנד, וועל איך געהן אין איין אנדער לאנד, אבער מיט דעם אמת וועל איך אלץ זיעגען.

אקאסטא האט אנגעקוקט דעם קליינעם אינגעל, וועלכער האט זיך שוין אין דיעזע יאהרען ארויסגעוויעזען אלס דענקער און חכם.

— יא ברוך! האט ער געזאגט מיט א זיפץ. — דיין חכמה איז גרויס און איך קען שוין יעצט זאגען, אז נאך מיין טויט, וועט זיין א צווייטער אפיקורס. אבער וואס וועסטו טהאן, ווען דוא וועסט זיין צוגעבונדען צו אמסטערדאם? ווען דוא וועסט מוזען אנקומען צום גוטען ווילען פון דער אידישער געמיינדע?

— איך פערשטעה ניט אנקעל, וואס איהר מיינט!

— איך מיין, וואס וועט טהאן שפינאזא, ווען ער וועט זיין וויא אקאסטא, א פערליעבטער פילאזאף! איך בין אויך געוועזען קלוג, און האב אויך געוואלט אוועק פון האלאנד, אבער יהודית, יהודית וואנדערשטראטען האט מיך דא צוגע־בונדען.

— ריעזע יהודית? — האט ברוך שפינאזא געזאגט מיט פערוואונדערונג —
מיין מוטער האט געזאגט, דאס גראדע ווען אונזער פאמיליע נעהמט צו א לויה, נעהמט יהודית צו א חופה.

— א חופה! — האט אקאסטא אויסגעשריען - יהודית האט שוין חתונה?

— יא, מיין אנקעל, — הייטע נאכט וועט זיין איהר חתונה מיט בן יחאי.

— און הייטע איז מיין מוטער׳ס לויה?

— יא.

— און איך לעב! — האט אקאסטא אויסגעשריען מיט ווילדע קולות — יהודית נעהמט צו דער חופה, ווען מיין מוטער ווערט געזונקען אין קבר און אוריאל ליעגט אין שטויב, און דיא ערד בעוועגט זיך דאך! אה, איך ווער וואהנזיניג! איך פערליער מיין פערשטאנד.

— שפינאזא — האט אקאסטא געזאגט נאך א קורצען טראכטען — דיין אנקעל וועט ניט לאנג לעבען, איך וויל פון דיר איין טובה.

— איך וועל פאר אייך טהאן אלעס וואס איך קען — האט דער איינגעל געזאגט.

— נעהם א דיענער, זאל ער שפאנען א פערד, און פאהר צו מנשה וואנדערשטראטען. זאג דארט דער כלה יהודית, אז אוריאל וויל זיא זעהען בייא זיין מוטער׳ס קבר. איך געה צום בית עולם, איך וויל נעהמען מיין לעצטען אבשיעד פון מיין מוטער וועלכע איז שוין טויט און פון מיין יהודית וועלכע נעהמט שטארבען. איך וויל נעהמען מיין אבשיעד אין איין ארט און איין צייט. געה ברוך, דאס איז דאס לעצטע מאל, וואס איך שיק דיך.

— איך וועל עס פאר אייך טהאן, אבוואהל איך האב מורא אז מיין מוטער וועט קומען און וועט מיך ניט געפינען, וועט זיא זיין אונרוהיג.

— איך וועל דא לאזען א צעטעלע פיר דיין מוטער. זיא וועט נאך דיר ניט זארגען.

באלד איז דער קלוגער איינגעל אוועק אויפזוכען דעם דינער וואס זאל איהם בעגלייטען צו מנשה וואנדערשטראטען.

אוריאל האט זיך בעגעבען אין זיין שוועסטערס הויז, וואו ער האט געזוכט א שטיקעל פארמעט אויפצושרייבען א צעטעל, ער האט געפענט א שרייב-טישעל או ער האט דארט דערזעהן צוויי רעוואלווערס.

א היבשע וויילע האט ער געקוקט מיט שטומע בליקען אויף דיא מארד וואפען, און אלערליי געדאנקען האבען זיך געמישט אין זיין קאפ. פלוצלינג האט

ער זיי אָנגענומען, האט זיי בעטראכט און געפונען אז זיי זיינען געלאדען, און ער האָט זיי אריינגעלעגט צו זיך אין טאשע. דאן האָט ער אויפגעשריבען א צעטעלע און איז האסטיג אוועק פון הויז און האָט זיך געלאָזט געהן גלייך צום בית עולם.

ווען ער איז געקומען צום בית עולם פון אמסטערדאם האט ער דאָרט שוין קיינעם געטראָפען. אלע וואָס האָבען בעגלייט דיא טויטע האבען זיך אומגעקעהרט אין שטאָדט. א פרישער בערגעל זאמד, וועלבע וואר ערסט צוזאמענגעשאָטען האט איהם פערראטהען, אז דאָרט איז זיין מוטער׳ס קבר.

אקאָסטא האָט זיך געזעצט ביי דיעזען קבר און טרעהרען האָבען זיך גענומען קייקלען פון זיינע אויגען, איבער זיינע באקען און זיינען געפאלען אין דיא פרישע ערד. ער האט קיין וואָרט נערעדט, קיין געוויין ארויסגעלאָזען. אָבער דיא שטומע טרעהרען, דיא הייסע טרעהרען, האָבען געקענט ערצעהלען דער טויטער אין קבר וואס אין אוריאל׳ס הארץ געהט יעצט פאָר.

א שטונדע איז אוועק אין איינזאמקייט און טרעהרען. ענדליך האָט אוריאל דערהערט טריט און דעם שאָרף פון זייד אויף דעם בית עולם. ער האט געוואוסט אז דיא טויטע זיינען ניט אויפגעשטאנען. ער האָט זיך דארום ארומגעקוקט און האָט דערזעהן דיא פיגור פון דער שעהנער יהודית צווישען דיא מצבות.

שטיל און טרויעריג איז יהודית געגאנגען צום קבר, ביי וועלבען אריאל איז געזעסען. אוריאל האָט ניט אראָפגענומען זיינע אויגען פון דער פרויענצימער, וועל־בע ער האָט אזוי פיעל געליעבט און פאר וועלבער ער האט אזוי פיעל געליטען. אָבער ער האָט זיך ניט אויפגעשטעלט אום צו בעגריסען מנשה׳ס טאָכטער.

מיט שווערע טריט איז יהודית צוגעגאנגען נאָהענט צו איהם. זיא האָט גע־שוידערט, ווען זיא האט דערזעהן זיינע צוריסענע קליידער, זיין פערבלומיגטע גע־זיכט און זיינע צוואוארפענע האאר.

אך וויא האט זיא נאך געליעבט דיעזען מאן, וויא האט זיא מיט איהם גע־פיהלט, און וויא איז זיא פערטיג צו לעבען אָדער צו שטארבען מיט איהם אויף דיעזען בית עולם. דער אויסזעהען פון דיעזען מאן האט פאראליזירט איהר צונג, זיא האָט קיין וואָרט צו איהם געקענט רעדען. זיא איז געשטאנען שטיל, וויא א צווייטע מצבה איבער דעם קבר.

יהודית! — האט אוריאל אקאָסטא ענדליך געזאגט. — דוא ביזט געקומען, ווייל איך האב דיך גערופען, און איך דאנק דיר דערפאר. יהודית איך וויל דוא זאָלסט מיר זאָגען דעם לעצטען אדיע. פון דיזען בית עולם געה איך ניט מעהר צוריק.

— אוריאל!—האט יהודית געענטפערט און טרעהרען האבען פערשטיקט איהר שטימע.—אוריאל, וועסט מיך ניט פערדאמען?

— דיך פערדאמען? — האט אוריאל אויסגערופען. — ניין יהודית דיך וויל איך בעוויינען!

— יא, מיך דארפסט דוא בעוויינען! — האט יהודית געזאגט. — אויב דוא צווייפעלסט הייטע אין מיין ליעבע צו דיר, וועסט דוא מארגען זיין איבערציינגט. איך פערקויף א טויטען קערפער דעם גרויסען בערזען העלד. בן יחאי זאל מיך האבען נור ביז מיין פאטער וועט פון איהם ארויסנעהמען אלע פאפיערען, און דאן וועל איך זיין, דארט וואו דיין מוטער געפינט זיך יעצט.

— איך פערשטעה דיך ניט? — האט אקאסטא געפרעגט.—איך בין גאנץ צומישט. צו ערסט איז געקומען דע סילוואו און האט מיר געזאגט איך זאל שליסען שלום מיט דיא רבנים און יהודית וועט זיין מיינע. מנשה וואנדערשטראטען איז א גוטער פאטער און ער וועט ניט ענטזאגען זיין קינד איהר וואונש. צוליעב דיע־זען פערשפרעכען בין איך געגאנגען און וואר בערייט אויסצושטעהן דיא גרעסטע שמערצען, און זאגען דעם שענדליכסטען ליעגען. צוליעב שלום מוז מען זאגען א ליעגען יעצט הער איך, אז הייטע נעהמט מיין יהודית צו איהר חופה, דיא האכצייט וואר שוין פריהער בערייט. וואס איז דא געשעהן וויל איך וויסען.

— עס איז געשעהן, וואס אנדערש קען ניט געשעהן.—האט יהודית געענט־פערט.—דוא האסט מיך געלערנט צו אפפערען זיך פאר אונזערע פריינדע, פאר אונזערע גוטע מענשען, פאר אונזערע געליבטע. דוא האסט מיר געזאגט, אז מיר געהערען ניט צו זיך אליין. נון איז געקומען דער אייגענטהימער און האט געפאָ־דערט דאס זייניגע. בן יחאי האט אריינגענומען מיין פאטער אין זיינע הענד און עס איז געבליבען איינע פון דיא צוויי וועגען, מיין פאטער זאל שטארבען פון שאנדע אדער איך זאל געהן צו דער חופה מיט בן יחאי. איך האב זיך עראינערט וואס דו האסט מיך געלערנט. איך האב בערעכענט, אז ליעבע צום בעסטען, צום שעהנ־סטען און צום עהרליכסטען מאן איז ניט מעהר וויא אייגענליעבע, אבער אפפערען זיך פאר דעם פאטער איז מענשענליעבע, און איך האב זיך געאפפערט פאר מיין פאטער. איך האב געזאגט צום פאטער, גיב מיך צו בן יחאי און זאל ער דיר אפ־געבען וואס דיר געהערט, און אין הארצען האב איך בעשלאסען, בן יחאי זאל האנדלען א טויטע זאך. מארגען אוריאל, מארגען וועל איך שטארבען.

אוריאל האט געוויינט ווען יהודית האט אזוי גערעדט. אבער ווען זיא האט געענדיגט, האט ער זיך אויפגעהויבען פון קבר און האט צו איהר געזאגט. —

— איין מענש לעבט אויף דער וועלט, וועלכען איך פערשטעה און וועלכען איך שעטץ און אויך דיעזען דארף איך פערלירען. אבער איך פערליר דיך ניט יהודית. איך זעה אז אין דיר לעבט מיין לעהרע, אז דוא ביזט דיא זעלבע, גוטע און עהרליכע יהודית. נון, וויל איך דיך בעטען, אויב דוא ווילסט שטארבען אום צו פלייבען טרייא צו מיר, אויב דו ווילסט פערלירען דיין לעבען אום איך זאל ניט ליידען זעהענדיג וויא בן יחאי איז גליקליך, דאן זאלסט דוא עס ניט טהאן. נעה, הייראט און לעב, מיר זאלסט דוא נאר שטעלען א מצבה, און זאלסט מיין בוך פון וועלכען דוא האסט איין אבשריפט פערעפענטליכען אין דער וועלט. מיר ביידע קענען ניט לעבען אין דער וועלט, ווען בן יחאי איז אין מיטען. לעב דוא יהודית, און איך וועל געהן.

— מיין לעבען איז ביז יעצט געוועזען גוט, איך קען שטארבען.— האט יהודית געזאגט.— אבער דוא אוריאל, דוא האסט פון יוגענד געליטען, דיינע שמערצען אין דיא לעצטע עטליכע טעג זיינען מעהר וויא מען קען שילדערען, דוא דארפסט לע־בען. לעבען דארפסטו פאר דיין אידעע, פאר דיין קאמפף. עס איז גוט, וואס דוא האסט אם ענדע צוריסען דיא פאלשע שריפט. אוריאל אקאסטא, דוא דארפסט זיין וואס דוא ביזט!

— שווער מיר אז, דוא וועסט ניט בענעהן זעלבסט מארד!— האט אוריאל פלוצלינג געזאגט צו זיין יהודית — שווער מיר יהודית.

— דאס קען איך ניט! — האט יהודית געענטפערט — מיין לעבען איז צו ענדע. מיט דער הייניגע חופה לעשט זיך אויס מיין לעצטע ליכט, איך מוז שטארבען.

— דאן וועל איך שטארבען פאר דיינע אויגען!— האט אוריאל אויסגערופען.

— יהודית איך האב דיר געשיקט רופען, אום צו ריידען מיט דיר זאלאנג דו ביזט נאך ניט בן יחאי'ס פרוי. מארגען וועט זיין שפעט. אבער זאלאנג איך קען מיט דיר ריידען מוז איך פון דיר ארויסנעהמען דיעזע שבועה.

— און דוא? וואס וועסט דוא טהאן?

— איך וועל זיך נאך זעהן מיט בן יחאי, איך וועל זיך מיט איהם בערעכע־נען פאר דיא קלעפ וואס ער האט מיר הייטע נעגעבען, און דאן וועל איך געהן אבער דוא מוזט מיר שווערען צו בלייבען לעבען.

— דיין וואונש איז שטארקער און הייליגער פאר מיינעם. — האט יהודית געזאגט.— איך שווער עס דיר!

— דוא שווערסט צו בלייבען לעבען!

— איך שווער עס בייא דיין מוטערס קבר!

— יעצט בין איך ווידער שטארק. יעצט קענסט דוא געהן דיין האנד קען איך נים בעריהרען וויל דוא געהערסט צו בן יחאי, אבער דיין הארץ געהערט צו מיר. געה יהודית און האלט שטענדיג דיין הארץ פאר אוריאל אקאסטא.

דאן האט ער זיא צוגעפיהרט צום טויער פון בית עולם, וואו עס האט אויף איהר געווארט איהר וואגען און דער קליינער ברוך שפינאזא.

אהן א ווארט צו ריידען, אהן א האנד דריק און אהן א וואונק האבען זיך די צווייא הייסע געליעבטע אבגעזעגענט. יהודית האט געווארפען א לאנגען און שטומען בליק אויף איהר געליעבטען, עס וואר איהר לעצטער בליק.

דער וואגען איז אוועק און אוריאל אקאסטא איז געבליעבען שטעהן מיט דעם יונגען שפינאזא בייא זיין זייט, און ער האט נאכגעקוקט דעם וואגען וואס טראגט אוועק זיין יהודית, צום ארט וואו בן יחאיווארט ליידענשאפטליך.

— וויכסט דו מיך בעגלייטען צו יהודית׳ האכציים? — האט אקאסטא גע־פרעגט דעם אינגעל

— יא אנקעל האט שפינאזא געענטפערט.

— דאן געה מיט דעם דיענער צוריק אין שטאדט. שאף מיר א קראנץ בלו־מען, און ווארט אויף מיר בייא מנשה וואנדערשטראטען׳ס טויער.

— איך וועל טהאן וויא איהר ווינשט! — האט ברוך שפינאזא געזאגט און איז אוועק מיט זיין דיענער צום שטאדט, וועהרענד אוריאל איז אוועק צום פלאטץ וואו אלעס איז געוועזן פערטיג פיר חתונה.

10.

ווען יהודית איז געקומען פון בית עולם איז שוין אלעס געוועזן פערטיג צו דער האכצייט. דער גארטען אין וועלכען זיא פלעגט אזוי אפט און אזוי לאנג פערברייגגען מיט איהר אוריאל אקאסטא איז געוועזן בעהאנגען מיט בלומען־קראנצען און אויף דיא בוימער זיינען געוועזן אנגעבונדען פאהנען פון פערשיעדענע נאציאנען.

מנשה וואנדערשטראטען׳ס הויז איז געוועזן אויסגעפוצט אויף דעם רייכ־סטען און הערליכסטען ארט. דיענער און געגילטע מונדירען זיינען געשטאנען אין אלע ווינקעלעך צו בעדינען דיא פיעלע געסט, וועלכע זיינען געוועזן פון האלאנד׳ס אריסטאקראטי. איין ארקעסטער איז געזעסען אויף א באלקאן און האט געשפיעלט

זיסע מוזיק און צעהנדליגע פּאַרלאַך דאַמען און הערין פערקליידעט נאך דעם רייכסטען און לעצטען פּאסאן האבען געטאנצט אין דעם גרויסען זאאל.

ביי א טיש, וועלכער וואר סערווירט מיט אלערליי טהייערע געטרענקע און שפייזען איז געזעסען בן יחאי מיט פיעלע געסט. דאקטאר דע סילווא און די רבנים פון אמסטערדאם ווארען בייא דיעזען טיש. ב יחאי וועלכער וואר געקליידעט וויא א חתן איז געוועזן מונטער און גליקליך. ער האט אויפגעהויבען א בעכער מיט וויין און האט אויסגערופען.

— נון מיינע הערין, הייטע זאל הערשען פריידע און לוסטינקייט. ווער עס האט א דאגה אין הארצען זאל עס דערטרינקען אין דעם בעכער. ווער עס פיהלט זיך איינזאם דער זאל געהן טאנצען. און געדענקט אלע וואס איך זאג: ווער עס וויל דא ניט בלייבען דיא גאנצע נאכט, אום צו ווארטען אויף דעם פריה מארגען און זעהן וויא יהודית קומט אריין מיט א שעמעדיגע געזיכט אין הויז אלס דיא פרוי פון בן יחאי, דער איז מיר קיין פריינד, וויל ער פערגינט ניט צו זעהן דעם טריאומף פון מיין העכסטען גליק.

דע סילווא וועלכער איז געזעסען פערטראכט און אומעטהיג האט ניט גע-קענט הערען דיא בעריהמערייא פון דיעזען בן יחאי וועלכער איז געוועזן וויא שכור פון זיין גליק. ער האט זיך אויפגעהויבען פון טיש און האט געזאגט:

— איהר, לאדעט דיא געסט צום פריה מארגען, זייא זאלען זעהען וויא יהודית קומט פערשעהמט, אבער דיא הייליגע צערמאניע איז נאך ניט געוועזן, און יהודית איז נאך ניט אייערע.

— אה, וואס רעדט איהר! — האט בן יחאי אויסגערופען און האט געכאפּט דע סילוואס האנד. עס איז אמת, דיא צייט געהט זעהר לאנגזאם, דיא וויזערם אין זייגער זיינען פון בלייא און ניט פון פעדערען. אה.... זעהט, דארט געהט זיא אייער ניכטע... זעהט נור וויא שעהן זיא איז... אָן קומט יהודית.... זאגט אליין, אויב דיא ציערונג אויף איהר קערפּער זיינען ניט איבעריג. זיא איז דאך שעהנער פאר דיא בריליאנטען, וועלכע זיא טראגט.

און ווירקליך, פון א זייטיגע טהיר איז אריינגעקומען מנשה וואנדערשטראטען און ער האט געפיהרט זיין טאכטער אונטער זיין ארם.

יהודית וואר אנגעטהאן אין א ווייסע זיידענע קלייד, מיט א ווייסען בלומען-קראנץ אויפ'ן קאפּ. זיא איז געוועזן בלאס, אבער זעלטען שעהן. אלע געסט זיינען איבערראשט געווארען פון איהר אויסזעהן. אלע האבען זייא זיך אויפגעהויבען פון

דיא ערטער און האבען אראָבגענומען דיא היטלען פאר דער מאיעסטעטישער שעהנהייט.

בן יחאי, וועלכער איז געווען אויסער זיך פאר פריידע האט א ציה געטהאן דע סילווא צו זיך און האט צו איהם געזאגט:

— זעהט נור אליין, דע סילווא, א פרוי וואס איז אין טרויער און ליעבט ניט איהר מאן פוצט זיך ניט אזוי אויס.

— א טעות, בן יחאי. קיין כלה פוצט זיך אליין אויס, זיא ווערט אויס־געפוצט — האט דע סילווא געענטפערט.

מנשה וואנדערשטראטען איז מיט זיין טאָכטער צוגעקומען צום טיש. בן יחאי האט זיך גאנץ טיעף פערנייגט און האט גענומען זיין כלה אונטערן ארם און האט זיא געזעצט נעבען זיך.

יהודית איז געווען וויא א מארמאָרנע סטאטוע. זיא וואר שעהן אבער שטיל. קיין וואָרט איז ארויס פון איהר מויל, קיין מינע האט בעוויזען וואס זיא פיהלט. אלע זיסע רייד וואס בן יחאי האט געמורמעלט אין איהר אויער זיינען געבליעבען אונפערענטפערט. דיא געסט האבען זיך געפיהלט זעהר אונבעקוועם דורך יהודית מרה שחורה, און מנשה וואנדערשטראטען, וועלכער האט דאס בעמערקט האט בעשלאָסען צו מאַכען א שנעלע ענדע צו זיין טאָכטערס יסורים, דערמיט וואס די צערעמאָניע זאל אבגעשפּיעלט ווערען וואס שנעלער. ער האט זיך דארום אויפ־געהויבען און האט געזאגט, אז עס איז שוין צייט צו געהן צו דער חופה.

— לאָזט מיך א ווייל אליין! האט יהודית געזאגט צו איהר פאטער— איך פיהל שלעכט, איך וויל מיך עטוואס קרעפטיגען.

— איהר דארפט אביסעל שפּאצירען אין גארטען. — האט דע סילווא גע־זאָגט — דיא פרישע לופט וועט אייך קוויקען. אויב איהר ווילט וועל איך אייך בעגלייטען.

— זעהר אנגענעהם אנקעל! — האט יהודית געזאגט און האט גענומען זיין ארם און איז מיט איהם ארויס, וועהרענד בן יחאי האט זיא נאכגעקוקט מיט הונגעריגע אויגען.

ווען יהודית און דע סילווא זיינען אריין אין גארטען, האט יהודית צו איהם געזאגט:

— נון אָנקעל, דער קרבן איז געבראכט. מיין פאטער אין גערעטעט פון באנקראָט, אבער ווער וועט יעצט רעטען אוריאל אקאסטא?

— אוריאל אקאסטא איז פערלארען. איהם קען מען ניט רעטען. ער איז אוועק פון שוהל צו זיין שוועסטער. דארט האט ער געקוקט דעם קליינעם שפינאזא וועלכען ער האט אונטערריכטעט אין גריכיש. פון זיין שוועסטער איז ער אוועק צום בית עולם, וואהרשיינליך צו בעזוכען זיין מוטערס קבר. עס איז שוין בעסער פאר איהם ער זאל דארט בלייבען, ווייל דיא נעמיינדע איז יעצט ערשט נעגען איהם ערביטערט. אלע האבען געהערט וויא ער האט געשווארען צו נעהמען ראכע.

— ראכע ? — האט יהודית געפרענט — אה אויך זיין ראכע וואלט מיר געוועזען זיס, דען ווענען מען ליעבט, איז זאנאר זיין ראכע זיס.

— איך וויים, יהודית, אז דוא האסט געבראכט דעם גרעסטען קרבן וואס א פרוי קען ברענגען. אום צו רעטען דיין פאטער נעהסטו הייטע צו דער חופה מיט דעם מאן וואס דוא האסט. איך שעטץ דיך דערפאר, דוא בעווייזט זיך אלס דאס קינד פון מיין שוועסטער.

— נענוג דערפון ! — האט יהודית אויסגערופען און איז געווארען אונגע-דולדיג. — פיהרט מיך צוריק דע סילווא און הייסט מיין פאטער, ער זאל שטעלען דיא חופה וואס שנעלער, דען זאנסט קען נאך ווערען צו שפעט, און ער וועט ניט זיין אימשטאנדע צו ליפערען בן יחאי דיא וואארע וואס ער האט געקויפט.

— קום מיין קינד. וואס עס דארף געשעהן זאל שוין געשעהן, קום !

מיט דיעזע ווערטער האט דע סילווא זיא ארומגענומען און האט זיא אריינ-געפיהרט אין הויז.

קוים זיינען יהודית און דע סילווא אריין אין הויז, אזוי זיינען אוריאל אקאסטא און דער קליינער ברוך שפינאזא ערשיענען אין גארטען.

אוריאל אקאסטא איז נאך אלץ געגאנגען אין זיינע צוריסענע קליידער. דיא וואונדען און דיא בלוט פלעקען זיינען נאך אלץ געוועזען אויף זיין געזיכט. שפינאזא, וועלכער האט איהם בעגלייט האט געטראגען איינינע בלומען אין זיין קליינע האנד.

ווילד און אויפגערעגט האט אקאסטא אויסגעזעהן אין דיעזער שטונדע, ער האט נאכגעקוקט צום וועג אויף וועלכען יהודית איז אוועק און האט צו זיך אליין געזאגט :

— דאס ווער יהודית. זיא וואר עס אין דער ווייסער קלייד און דעם בלומענ-קראנץ...... דיא רבנים וואס האבען מיך געשאלטען וועלען זיא בענשען, זיא זאל לעבען גליקליך מיט בן יחאי... אך, ווען איך זאל זיך נור אריינמישען אין מיטען

און זאל ארויפליינען מיין פערשאָלטענע האנד אויף איהר חופה שלייער... צו איהר האָב איך גאָר ניט: זיא האָט געטהאָן וואָס איך האָב איהר געלעהרנט און וואָס איך וואָלט געטהאָן. אָבער איהם וואָלט איך דערשאָסען.

— אה אָנקעל — האָט ברוך אויסגערופען. — ווען איהר רעדט צו זיך אליין האָב איך דאָך ניט וואָס צו טהאָן, רעדט בעסער מיט מיר. איך האָב פרעכטיגע אנטוואָרטען, נור מיר פעהלען דיא פראַגען, אבער קיינע אַנטוואָרטען.

— אה מיין קינד, — האט אקאָסטא געענטפערט, — איך וואָלט דיר ראטהען דוא זאָלסט אויפהערען צו דענקען. שלאָף רוהיג אזוי וויא דיא שעהנע בלומע, וועלכע שלאָפט רוהיג אין איהרע שעהנע בליהונגען און קימערט זיך ניט צו וויסען ווער האָט זיא בעשאַפען, בלייב אימער אין מיט'ן ים, און זוך קיין מאָל דעם ברעג, וואו מענשען קוועלען זיך מיט פראַגען. אויב דוא ביזט א איד אָדער א קריסט, ביזט דוא פיר דעם קעניג אָדער פיר דעם פאָלק, ווילסט דוא א מאָנארכי אָדער א רעפובליק, זאָג קיינעם ניט ארויס דיין מיינונג, און אויב איינער שטעלט דיר א פראַגע גיב איהם קיין אַנטוואָרט.

— דאס האט איהר אָנקעל צו שפּעט געלערנט. וויא איך וויס האָט איהר אימער ליעב געהאט צו דעבאטירען.

— יא, דאס האב איך געליעבט און דאס האט מיר געקאסט מיין לעבען. איך בין רואינירט און צובראכען נור דערפאר, ווייל איך האָב מענשען אויסגעזאָגט מיין מיינונג.

— הער נור אנקעל! — האָט ברוך אויסגערופען. — מען שפּיעלט א חופה מארש, אָן דאָרט געהן דיא גליקליכע.

— אוריאל האט א קוק געטהאן צום ארט, וואס ברוך שפינאזא האט איהם אנגעוויעזען, און ער האט א שפרונג געטהאָן אין דער הויף, דאס בילד וואס ער האט געזעהן וואר פאר איהם דער טויט.

אונטער פיער הויכע פאלמען, צווישען צוויי גרויסע מארמאָרנע סטאטוען אין גארטען איז געשטאנען א זיידענע חופה. צו דיעזער חופה זיינען געקומען דיא מוזיקאנטען, וואס האבען געשפיעלט א פרעהליכען מארש, נאָך דיא מוזיקאנטען זיינען געגאנגען דיא רבנים און דיא שמשים פון אמסטערדאם מיט ליכט אין זייערע הענד, הינטער זיי איז געגאנגען בן יחאי אין זיין שעהנסטען אנצוג און ער האט געפיהרט יהודית, וועלכע איז געגאנגען אין איהר חופה קלייד אין בלומען קראנץ. נאָך זיי איז געגאנגען מנשה וואנדערשטראטען און דר. דע סילווא, אלע געסט מיט ליכט און מיט פאהנען זיינען געגאנגען אין א לאנגע רייהע פון הינטען.

ענדליך איז מען געקומען צו דער חופה. רבי סאנטאס האט זיך געשטעלט אונטער איהר און האט אויסגעשטרעקט זיין האנד צו יהודית, וועלכע איז אריין אונטער דער חופה וויא א פערחלום׳טע, בן יחאי האט זיך געשטעלט לעבען איהר און הינטען איהם האבען זיך געשטעלט אלע געסט. רבי סאנטאס האט דאן געגע־בען א צייכען און דער חזן האט אנגעפאנגען זאגען „מי אדיר“.

אוריאל האט זיך דאס אלעס געזעהן און געהערט. א שטורם האט זיך אויפ־געהויבען אין זיין ברוסט און דיא פארב אין זיין געזיכט האט זיך געביטען צעהנד־לינע מאל. ער איז געווארען רויט און געל, וויס און שווארץ. אפט האט ער א קרעכץ געטהאן וויא א פערוואונדעטער און אפט האט ער פערביסען דיא ליפען ביז בלוט האט גענומען פליסען. זיינע הענד האט ער אריינגעלייגט אין זיין טאשע און האט דארט צוגעדריקט זיינע צוויי רעוואלווערס, ער האט זיך געמוהט שטארק בעהערשען אום ניט ארויסצונעהמען דיעזע רעוואלווערס.

ברוך שפינאזא, דער קליינער קלוגער אינגעל האט זיך אזוי פעראינטערע־סירט אין דער סצענע פון דער חופה דאס ער האט גאר ניט געזעהן וויא זיין אנ־קעל ליידעט און קאכט און ווערט אויסער זיך.

יעצט האט גענומען רבי סאנטאס א גרויסען ספר און האט פון איהם גענו־מען עטוואס פארלעזען. אך וויא האט אוריאל אקאסטא געהאסט דיעזען דע סאנ־טאס. דיא שטימע פון דיעזען רב האט געריסען זיינע אויערען, און יעדען ווארט וואס דער רבי סאנטאס האט ארויסגערעדט האט אוריאל געהערט דעם הארטען, דעם שרעקליכען חרם.

פון מינוט צו מינוט האט געשטיגען אקאסטא׳ס אויפרעגונג. יעצט האט ער אויסגעזעהן וויא א וואהנזיניגער. זיין גאנצע געזיכט האט זיך פערענדערט און זיינע אויגען זיינען באלד ארויס פון זייערע ערטער.

רבי סאנטאס האט געענדיגט זיין פארלעזונג און יעצט האט אקאסטא גע־זעהן וויא יהודית שטרעקט אויס איהר פינגער און בן יחאי טהוט אויף איהם אן א רינג און זאגט קאנגזאם נאך דיא ווערטער וואס רבי סאנטאס זאגט פאראויס.

— זיא ווערט זיין ווייב! — האט אוריאל יעצט אויסגעשריען מיט ווילדע קולות און האט א שפרונג געטהאן צו דער חופה. — ניין בן יחאי דוא זאלסט ניט טריאומפיהרען!...

און מיט דיעזע ווערטער האט ער ארויסגענומען א רעוואלווער און האט אויסגעשאסען אויף בן יחאי.

— אה, שטארב דוא שורקע! — האט ער געשריען — מיט אינטריגעו, מיט

נאלד האסט דו ערגראבערט א ווייב ! דוא האסט אויף מיר געטראמפעלט, ווען איך בין געלעגען אויף דער ערד. דוא זאלסט דארום שטארבען, ווען דוא ביזט אין הימעל.

דער קראך איז געפאלען און אונטער דער חופּה איז געווארען א שרעקליכע מהומה. אלע האבען א שפרונג געטאהן צוריק מיט שרעק. נור יהודית האט ניט געשפרונגען. זיא האט זיך געחאפט ביי'ן הארצען און איז געפאלען אין איהר פאטערס הענד.

— מארד ! — מארד ! — מארד ! — האט זיך געהערט איבער דעם גאנצען גארטען פון הונדערטע מיילער, יהודית איז ערמארדערט...

און אוריאל איז געשטאנען אויף זיין ארט מיט דעם רויכערדיגען רעוואלווער אין האנד און האט זיך ניט געריהרט פון ארט. האט ער אין דיזען אויגענבליק ערפאהרען דעם שרעקליכען פעהלער וואס ער האט געמאכט ? האט ער געוואוסט אז זיין האנד האט איהם פערראטהען, און אנשטאט צו טרעפען בן יחאי האט די קויל געטראפען יהודית ?

ער האט עס וואהרשיינליך ניט געוואוסט, ווייל ער איז געשטאנען און האט געשמייכעלט, וויא א צופריעדענער.

פלוצלונג האט ער דערפיהלט א צעהנדליגע הענד ארום זיך.

— מערדער ! חרם'ניק ! מערדער ! פערפלוכטער ! האט מען געשריען אין זיינע אויערען און מען האט איהם געשלעפט צום ארט וואו די חופּה איז געשטאנען.

ביי דער חופּה אויף א בלומען בעט איז געלעגען יהודית, מיט א רויטהען פלעק אויף דעם בוזים פון איהר ווייסע קלייד, איהר שעהנער קאפּ איז געלעגען אין איהר פאטערס שויס, מנשה האט געוויינט וויא א קליין קינד, בן יחאי איז געשטאנען אויף דיא קניע איבער זיין כלה און ער האט צו איהר גערעדט, האט איהר געבעטען זיא זאל ניט שטארבען. דאקטאר דע סילווא האט געהאלטען איהר האנד און האט ערקלעהרט, אז זיא איז פערלארען. רבי סאנטאס איז געשטאנען מיט פערגלאצטע אויגען און האט מתפלל געווען פאר איהר נשמה.

דיא וואס האבען געכאפּט אוריאל אקאסטא האבען איהם צו געשלעפּט צום שרעקליכען ארט וואו אוריאל האט דערזעהן דיא וואונד אויף יהודית' ברוסט האט ער א געשרייא געטהאן אזוי הויך, דאס דיא בוימער פון גארטען האבען געגומען ציטערן.

— נעהמט איהם אוועק! — האט רבי סאנטאס אויסגעשריען.— פיהרט אפ רעם מערדער אין געפענגניס. זיין פערשאלטענער אטהעם זאל ניט מטמא מאכען דיא היילינע לופט וואו דיא שטערבענדע ליענט. דיעזער ארט איז צו הייליג פאר איהם.

— יהודית! — האט אקאסטא אויסגעשריען און האט זיך געריסען פון זיינע אנגרייפער.

יהודית האט מיט שווערינקייט א הויב געטהאן איהר קאפ און האט געגעבען א צייכען אז זיא וויל מען זאל צו איהר צופיהרען דעם געפאנגענעם.

— פיהרט איהם אפ! — האט רבי סאנטאס נאך א מאל געשריען.

— ניין רבי סאנטאס! — האט דאקטאר דע סילווא געזאגט.— איך זעה אז יהודית וויל מען זאל איהם צופיהרען צו איהר. עס איז איהר לעצטער וואונש, און מיר דארפען איהר ניט ענטזאגען.

— איז דאס איהר וואונש, דאן וועל איך איהם ניט בעשטרייטען.— האט רבי סאנטאס געענטפערט.

מען האט צוגעפיהרט אוריאל אקאסטא נאהענט צו דער פערוואונדעטער. אוריאל איז גלייך געפאלען אויף דיא קניע, און האט געכאפט איהר האנד.

— יהודית! איך בין דיין מערדער! — האט ער געשריען.

לאנגזאם האט יהודית גערירט איהר צווייטע האנד און האט אנגענומען אקאסטאס צו־וואראפענע לאקען.

— אוריאל.— האט זיא מיט שוועריגקייטען ארויסגערעדט.— זייא מיר מוחל......

— איך זאל דיר מוחל זיין? דוא האסט אנדערש ניט געקענט האנדלען. איך אבער האב דיר ערמארדעט, און פאר מיין זינד גיבט קיין פערצייהונג.

— דוא האסט געטהאן א וואהל טהאט! — האט יהודית געזאגט.— איך בין דיר מוחל.

— ניין, איך קען ניט אננעהמען דיעזע פערצייהונג. אבער איך שווער דיר יהודית אז ניט דיר האב איך געוואלט טויטען. מיין פערפלוכטע האנד האט מיך געוואלט בעטריגען. איך זעה יעצט דיא ווירקונג פון חרם. מיין רעוואלווער האט מיר קיין מאל גענארט. דיעזען מאל האב איך געציעלט אויף בן יחאי און האב גע־טראפען יהודית, אה מיין יהודית, איך בין דרייא מאל פערפליכטעט....

— וויין ניט אוריאל.... האט דיא שטערבענדע מיט דיא לעצטע קרעפטען

געזאגט.... טרעהרען זיינען ניט פאר א מאנן, געה יעצט ארויס אין דער וועלט און שרייא אויס דיא וואהרהייט וויא א העלד.

— ניין יהודית! — האט אקאסטא געענטפערט: — קיינער וועט מיר ניט גלויבען. ווער עס געהט ניט גלייך פון אנפאנג אויף'ן גראדע וועג, דעם וועט מען ניט גלויבען, זאָגאר ווען ער מאכט ברויט פון שטיינער. דער וואס האט זיין מיר נונג איינמאל פערקייקענט, דער האט פערלארען דעם צוטרויען.

— א העלד קען אבער אלעס בעקעמפפען! — האט יהודית געענטפערט — איך בין דיר מוחל. איך בין גליקליכער מיט דעם טויט וויא מיט דעם לעבען. דוא מוזט אבער אנטלויפען און קעמפפען פאר דיינע אידעען. לעב וואהל מיין פריינד..

— זיא שטארבט! — האט אקאסטא אויסגעשריען אלס ער האט דערזעהן איהר בלאסע געזיכט. דע סילווא איהר זייט דאך א גרויסער דאקטאר, קענט איהר זיא ניט רעטען.

— רעטעט, דע סילווא רעטעט! — האט מנשה געבעטען מיט טרעהרען.

— עס איז צו שפעט, מיין קונסט בלייבט דא שטעהן! — האט דע סילווא געענטפערט און האט געוויינט.

— ווארום קען איך ניט שטארבען מיט דיר. — האט אקאסטא געשריען.

יהודית האט זיך א ריהר געטהאן, עס וואר איהר לעצטער ריהר. מיט איהר ציטערענדע האנד האט זיא אראפגענומען איהר קראנץ און האט איהם גערייכט צו אוריאל.

— נעהם איהם... אוריאל.... דיעזער... קראנץ... זאל... בעווייזען... אז איך... האב.. דיר... פערצייעט.. איך שטארב... מיט ליעבע... נור... צו... דיר... אקאסטא.

מיט דעםווארט אקאסטא אויף איהרע ליפען, האט יהודית געשלאסען איהרע אויגען און איז געשטארבען.

א הייליגע שטילקייט האט געהערשט ארום דער טויטער. קיינער האט ניט געוואגט ארויס צו לאזען דעם אטהעם אין דעם ארט וואו דיא חופה האט זיך פערוואנדעלט אין טויטען בעט. אקאסטא איז געלעגען מיט דעם קאפ אויף דער שטערבענדער, און האט געהאלטען דעם קראנץ אין האנד, קיינער האט ניט גע־וואגט איהם צו בעריהרען, פלוצלונג האט ער זיך א הויב געטהאן אין דער הויך און האט זיך געווענדעט צו מנשה.

— מנשה! — האט ער אויסגעשריען, — איהר האט געזוכט רייכטהום און איהר האט אנגעלעגט א קבר. איך בעט אייך ווען איהר וועט אייער הייערע

קינד, בעערדינען, לעגט מיך נעבען איהר. קיינער וועט מיר ניט בעערדיגען ניט דיא קריסטען און ניט דיא אידען. איך בין פון דיא וואס ליעגען אונטער א פאר־קען. דאך א מאל קען איינער פערבייא געהן מיין קבר און זאגען: דאָ ליעגט דיא אש פון דעם מאנן וואס האט געזוכט דיא וואהרהייט און האָט געפונען דעם חרם, איך לאז אייך איבער דיעזע וועלט פון יאָמער, פון צווייפעל און פון פער־פאלגונג. איך קען מיינע שמערצען מעהר ניט טראגען, עס וועט קומען דיא צייט ווען מען וועט מיך אנערקענען. מען וועט דאן זאגען אז איך האב געלעבט אין א צייט, וועלכע האט פאר מיר געהאט קיין פלאטץ, דיא לופט וואר נאך צו פייכט פאר דיעזע ליכט, ער האט געמוזט געהן וויל ער איז געקומען צו פריה. די רבנים מיינען אז זייא האבען איבער מיר געזיעגט, נון, איך געה, אייך בלייבט דער זיעג און מיר — דער פריעדען.

בייא דעם לעצטען ווארט האט ער ארויסגעכאפט דעם צווייטען רעוואָלווער און האט איהם אויסגעשאסען געגען זיין ברוסט, און איז געפאלען צו יהודית׳ פיס

קיינער האט זיך ניט געריהרט, קיינער האט זיך ניט בעמיהט זעהן אויב מען קען דעם פערשאלטענעם רעטען. זאָגאר דע סילווא איז געבליעבען שטעהן פון וויטען, און האט צוגעקוקט וויא אוריאל אקאסטא שטארבט נעבען יהודית.

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — —

אין א ווינקעל, ניט ווייט פון פארקען אויף דעם אמסטערדאמער בית עולם זיינען געלעגען צווייא עלענדע קברים. קיין מצבה און קיין אויפשריפט איז איבער דיעזע קברים געוועזן.

אבער יעדען פריה מארגען פלעגט צו דיא קברים קומען א שעהנער אינגעל און פלעגט ארויפלעגען עטליכע בלומען, וואס ער האט געקליעבען אין זיין מוטערס גארטען. דיעזער אינגעל איז געוועזן ברוך שפינאזא און דיא בלומען פלעגט ער ליגען אויף יהודית׳ און אקאסטא׳ס קברים.

ענדע.

דאָקטאָר־בוך

פון דר. ב. דובאָווסקי

א נייער פאָלשטענדיגער דאָקטאָר-בוך וואָס באהאַנדעלט אַלע סאָרטען קראַנקהייטען, פון אַ קינד ביז אַן עלטערען מענשען, און אין יעדען פאַל ווערט גענוי באַשריבען ווי אַזוי מען קען זיך דערפון אויסהיטען, און וואָס צו טהאָן ווען מען האָט זיך ניט אויסגעהיט.

ווי אויך צו לייסטען די ערשטע הילף אין אַן אונגליקספאַל איידער דער דאָקטאָר קומט, ווי צום ביישפּיעל, ביי אַ פאַרגיפטונג, אַ דערוואָרגונג, געז איינאָטעמונג, בלוט־שטורץ און ז. וו. וואו דאָס לעבען פון מענשען איז אין סכנה, און עס מוז גלייך אויפ'ן שטעל עפּעס געטהאָן ווערען און ניט וואַרטען ביז דער דאָקטאָר קומט, ווייל ביז וואַנען דער דאָקטאָר קומט קען שוין זיין צו שפּעט.

דער דאָקטאָר-בוך איז איינגעטהיילט אין די פאָלגענדע 4 טהיילען:

1טער טהייל: קראַנקהייטען און ווי זיך פון זיי אויסצוהיטען, די אורזאַכען, סמנים און רעזולטאַטען פון די מעהרסטע קראַנקהייטען צו וועלכע אַ מענש איז אונטערוואָרפען.

2טער טהייל: מוטער און קינד, וואָס יעדע מוטער דאַרף וויסען וועגען זיך און ווי אַזוי צו ערציהען איהרע קינדער.

3טער טהייל: איידער דער דאָקטאָר קומט, ווי צו לייסטען די ערשטע הילף אין אַן אונגליקספאַל איידער דער דאָקטאָר קומט.

4טער טהייל: דער מענש און זיין קערפּער, אַ פּאָפּולערע ערקלערונג וועגען דער געביי פון מענשליכען קערפּער, זיינע באַזונדערע אבריםן און די אויפגאַבע וואָס יעדע פון זיי האָט צו ערפילען.

פרייז פון אַלע 4 טהיילען פיין געבונדען 10 דאָלער

צו באַקומען ביי אַלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי

HEBREW PUBLISHING CO., NEW YORK

די אידען אין רוסלאַנד און פוילען

אַן איבערבליק איבער זייער געשיכטע און קולטור

פון פראָפ. ישראל פרידלענדער ע"ה

איבערגעזעצט אין אידיש פון

אלכסנדר הארקאווי

דיזעס ווערק איז פון גרויס אינטערעס פאַר אונזערע ברידער באַזונ־דערס צו דיזער צייט. די קריטישע ווענדונג, וועלכע עס האָט דורך די וועלט־מלחמה גענומען די לאַגע פון די אידען אין די געגאַנטע צוויי סלאַווישע מדינות, ציהט די אויפמערקזאַמקייט פון זייערע ברידער אויף דיזער זייט ים ניט נאָר אויף זייער טרויעריגע געגענוואַרט, נאָר אויך אויף זייער פערגאַנ־גענהייט, אין וועלכער עס ליגען די וואָרצלען פון די באַרבאַריזען, וואָס ווערען יעצט בעגאַנגען געגען זיי אין אוקראַינע און פוילען.

געשריבען אין אַ פּאָפּולערען און לעבעדיגען סטיל
מיט אַ לאַנדקאַרטע און אילוסטראַציעס

געדרוקט אויף שענעם פּאַפּיר און עלעגאַנט געבונדען אין לייווענט

פּרייז 1 דאָלער

מיר זיינען אויך די פערלעגער פון די אָריגינעלע ענגלישע אויסגאַבע

פּרייז: געבונדען אין לייווענט $1.00

בראָשירט — — — — — 75.

HEBREW PUBLISHING CO., NEW YORK

טאָלסטאָי'ס געוועהלטע ווערק.

אין 4 בענדער

א זאמלונג פון זיינע בעסטע ווערק איבער ליעבע, ליידענשאפט און פאַרדאָרבענהייט אין פאמיליען לעבען.

גראַף טאָלסטאָי איז געוואָרען גרויס און בערימט דאדורך וואס ער גיט איבער זיינע הויכע אידעאלען און פילאָזאָפישע געדאנקען אין אינ-טערעסאנטע און שפאנענדע ראָמאנען, וועלכע זיינען געשריבען אין א זעהר איינפאכע לייכטע שפראך וועלכע איז פארשטענדיג צו אלע לעזער.

די 4 בענדער ענטהאלטען די פאָלגענדע 13 ווערק וועלכע זיינען די בעסטע וואס ער האָט געשריבען:

1. טאָלסטאָי'ס ביאָגראַפיע
2. די קרייצער סאָנאטא
3. איך און מיין מאן
4. מיין פריינד'ס פרוי
5. איוואן איליטש'עס טויט
6. צוויי דורות
7. פאליקושקא
8. אננא קארענינא
9. דער נסיון
10. די פארפיהרונג
11. איוואן דער נאר
12. מיין ווידוי
13. קריעג און פריעדען.

געדרוקט אויף גוטען פאפיר און פראכטפאָל געבונדען

פרייז 5 דאָלאַר

HEBREW PUBLISHING CO., NEW YORK.

די בערימטע ווערק פון דעם אלט-נייעם אידישען קלאסיקער

דער ריז פון דער אידישער ליטעראטור

ש. י. אבראמאוויטש

באוואוסט אלס

מענדעלע מוכר ספרים

אין א גאנץ נייער פראכט אויסגאבע, עלעגאנט געבונדען אין 10 בענדער

די אידישע ליטעראטור האט פראדוצירט פיעלע גרויסע שרייבער אבער מענדעלע פארנעהמט דעם אויבען אן מיט זיין ארגינאליטעט, ער איז געווען דער ערשטער, דער פאטער פון אידישע קלאסיקער פון וועמען עס האבען געשעפפט און וועלען שעפפען די אלע נאכקומענדע אידישע שרייבער און דיכטער. ער איז געווען דער לייכטענדער שטערן וועלכער האט מיט זיין שארפע, אייגענארטיגע, הומאריסטישע קריטיק באלויכטען און אויפגעקלערט די אידישע פאלקס מאססען ארונטער צו ווארפען פון זיך דעם יאך פון זייערע אייגענע אונטערדריקער, — וועלכע האבען גערייטען אויפ'ן אידישען פאלק, און מיט זיין שארפע פעדער ארונטער געריסען די מאסקע פון די אידישע כלל טהוער און בעלי טובות, וואס האבען געשונדען די הויט פון דעם ארימען פאלק ישראל, און געמאכט זיין לעבען אין ליטא און פוילען א גלות אין א גלות.

א פאלשטענדיגע אויסגאבע פון מענדעלע מוכר ספרים, געדרוקט אויף פיינע בוך-פאפיר, און ארטיסטיש געבונדען אין 10 בענדער, איז יעצט ערשינען וועלכעס איז א צירונג פאר יעדע אידישע הויז אדער לייברערי.

אום צו געבען די מעגליכקייט יעדען איינעם זיך איינצושאפפען דיזען אוצר פון ליטעראריש פעריל אין זיין הויז, האבען מיר געשטעלט דעם פרייז פון מענדעלעס ווערק אין 10 בענדער פאר

ב ל ו י ז 15 ד א ל ל א ר א ס ע ט

צו באקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי

Hebrew Publishing Company

New York